STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11006

IKH LERN YIDISH

L. Weinapel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. ווײנאַפּעל, ל. פלודערמאַכער

איך לערן ייִדיש

לערנ- און לייענבוך

●

אילוסטרירט פון
כאַים קאַלמאַן (גלעב)

פאַרלאַג אויפסניי, פּאַריז

אַרויסגעגעבן דורכן פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף (אוניאָן)
מיט דער מיטהילף פון פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן אין אַמעריקע און דעם דזשאָינט.

אָנגענומען דורך דער צענטראַלער קינדער־קאָמיסיע
ווי אַ לערנבוך פאַר יידישע צוגאַב־שולן.

Copyright 1947
by Union des Juifs pour la Résistance et l'Entr'aide (U. J. R. E.)
14, rue de Paradis — Paris-10e

געדרוקט אין 2.000 עקזעמפּלאַרן

Imprimerie S. I. P. N. 14, rue de Paradis — Paris-10e

אַ, ל, ע, ש, ו

אַ, ל, ע, ש, ו



שול
אַ שול

קומט, קומט אַלע,
קומט אַלע אין שול!

שול

אַ שול

אַלע שול

שרייב אַרייַן, וואָס עס פעלט :

ש-ל, ו-ל, שו-,

שרייב איבער :

לעש, שאַל, לאַלע, לאַ-לע, ל-אַ-ל-ע



מ, י, ט

מ, י, ט

לילי, מאַשע
לערנען אין שול.

טעמע, מישעל
לערנען אויך אין שול.

שאַ, שטיל אין שול!
שטיל לילי, שטיל מישעל!

שטיל טעמע, אַלע שטיל!

לילי, מאַשע,

טעמע, מישעל.

שרייב איבער:

מאַ-שע, לי-לי, מיט, מוט,

מי-שעל, טע-מע, טיש, שיט,

טאַש, מיש, שאַ, מאַ-מע,

טאַ-טע, מעל, מ-אַ-מ-ע.

מאַך אַ וואָרט:

מאַ--, טע--, --שע,

טאַ--, לי--, --שעל

שרייב איבער און שרייב אַריין דעם „י״:

מ-ש, ש-ט, ט-ש, מ-ט.

נ, ז, ר

נ, ז, ר

לערנען קינדער

אין דער שול.

אַט אַ טיר, אַ טיש.

אַ שטול.



אַט אַ טינטער

מיט טינט.

מאַשע פאַלט, דער

טינטער רינט.

שול, איך לערנען,

איך נעמען אַ טינטער,

איך שמירן נישט, טינט רינט.




אַ טיש - טישן
אַ מיל - מילן
אַ טיר - טירן




אַ שטול - שטולן
אַ שער - שערן



שרייב אריין דעם „ר“:



לער-נען ל-ע-ר-נ-ע-ן
נע-מען נ-ע-מ-ע-ן
טינ-טער ט-י-נ-ט-ע-ר

ם

ם

מאַשע, נעם אַ טיש
מיט אַ שטול!
נעם אַ שער!

אַלע שילער שערן.
שערט אויס אַלע אַ שטול!
שערט אויס אַ טורעם!

מ. אָדער ס. ?

-אָמע נע-ט אַ שירע-

-ישעל נע-ט אַ טיש

אַ -ילנער שיט -על

וו, ס

ס, וו

עס ווערט אַ
נאַסער וועטער.
ווינטן וואַרפן בלעטער,

וואַסער רינט אין פאַס.
קינדער ווערן נאַס.

שרייב איבער :

ווינט, וועש, וואַנט, וואַסער,

וואַש מיט וואַרעם וואַסער וועש,

וויסן, ווינטער, מישעל ניסט,

אַ נאַסער וועטער

מישעל עסט – מישעל, מאַשע עסן

לילי שמירט – לילי, מאַשע שמירן

לילי וואַשט – לילי, מאַשע וואַשן

מאַך פון :

טינט – ווינט

מעש – ....

ניסן – ....

טינטער – ....

1 נוס

2 ניס

ק, ב, פ

ק, ב, פ

אַ קאַלטער

האַרבסט.

קאַלטע ווינטן קומען,
וועלקן אַלע בלומען.

אַ שטאַרקער ווינט וואַרפט בלעטער,
האַרבסט, אַ קאַלטער, נאַסער וועטער.

אַ מאַנטל נעמט קלאַרע,
אַ שירעם נעמט סאַרע.
די פייגעלעך פון נעסט אַוועק,
צום זומער איז אַן עק.

נאַס, קאַלט, אַלע בלעטער פאַלן,
עס קומען שטאַרקע ווינטן.

קלאַרע עסט
פרישטיק.
פאַני טרינקט
קאַווע.
בעלע נעמט
אַ שירעם.

דער לערער לערנט די שילער.
בעלע איז קראַנק. בעלע קומט נישט
אין שול. אין שול שטייען בענק, טישן,
שענק. אין שול איז וואַרעם. אין גאַס - אַ
שטורעם, קאַלט. אַ שטאַרקער
ווינט בלאָזט. נאַסע בלעטער פאַלן.

שרייב איבער אַלע ווערטער, וואָס דו קענסט שוין

אָ, ד

אין פעלד

די קינדער קומען אין פעלד.
מענדל מיט דאָווידן אַרבעטן אין פעלד.
מענדל אַקערט די ערד. דאָוויד גראָבט
קאַרטאָפל מיט בוריקעס. אין סאָד ליגן
באַרן מיט ניס אויף דער ערד.

אַלע עסן באַרן און ניס.
לאָמיר זינגען לידער אין פעלד!

דער, די, דאָס

דער טאַטע, די מאַמע, דאָס קינד

דער טאַטע, די מאַמע, דאָס קינד.

דאָ, דאָרט

דאָ, דאָרט

די ערד איז נאַס,

די ערד איז קאַלט,

אומעטיק אין וואַלד.

דאָ און דאָרט איז פּוסט און וויסט.

דער ווינטער קומט שוין באַלד.

אַ בעקער באַקט,

אַ נוס קנאַקט.



אַ שאַנק — שענק

אַ באַנק — בענק



שרייב אַריין דעם „אָ“:

פ-דעם, ד-קטער, ד-רט

פ-רן, מ-לן, של-פן, פ-טער

שרייב אַריין דעם „ד“:

ער...., פאָ....עם, שמי...., לי...., קינ....

1 פוס 2. פיס

מאַך פון: קינד – קינדער

פעלד – ....

ליד – ....

שפּריכוואָרט:

פון אַ וואָרט ווערט אַ קוואָרט.

זאָג גיך:

פיר פורן פאָרן, פירן פולע פורן קאָרן

  

יִיִ, ג

פריִיִדעלע

פריִיִדעלע איז אַ קליִיִן מיִיִדעלע.
די מאַמע ניִיִט פאַר פריִיִדעלען
אַ שיִיִן קליִיִדעלע.

די מאַמע נייט אויף דער
מאַשין. באַלד איז דאָס
קליידעלע פאַרטיק.

פריידעלע גייט אין גאַס. פריידעלע
באַגעגנט אין גאַס גיטעלען.
פריידעלע באַגריסט:

— גוט מאָרגן, גיטעלע!
אין גאַס גיסט אַ רעגן.
גיטעלע גייט אין שטוב.
— אַ גוטן טאָג, פריידעלע,
אַ גרוס פאַר דער מאַמען!

שפּריכוואָרט: אַ גוט וואָרט ברענגט
אַ גוטן ענטפער.

שרייב איבער און שטרייך אונטער די ווערטער מיט „ײ" :

די רעדער דרייען, עס פאַלט
אַ שנײ. איר טרינקען טײ,
די בײמער שטײען נאַקעט.

רעטעניש :



ער גײט און **גײט** און **רירט**
זיך **נישט פון אָרט.**
וואָס איז **דאָס ?**

שרייב איבער און שטרייך אונטער די ווערטער מיט „ג" :

קלינגען גלעקער
גלין, גלאָן, גלאָן.
דער טאַטע גלעט גיטעלען,
גאָלדעלע פאַלט פון באַרג,
דער בעקער באַקט געבעקס.

ז, ײַ מײַן טאַטע אַרבעט.

ז, ײַ

מײַן טאַטע אַרבעט. זײַן אַרבעט איז שווער. ער איז אַ סטאָלער. ער אַר־בעט בײַ דער זעג־מאַשין. די פאַ־בריק איז ווײַט פון שטוב. זעקס אַזייגער קלינגט דער וועק־זייגער. די מאַמע וועקט די קינדער. אַלע עסן זעמל מיט זיסע קאַווע. אַלע פאַרלאָזן די שטוב. די מאַמע בלײַבט. מײַן ברודערל בלײַבט מיט דער מאַמען. ער איז אַלט דרײַ יאָר.

שרײַב איבער און שטרײַך אונטער די ווערטער מיט „ ײַ ״:

איך שרײַבן אַ בריוו, דער רײַטער
רײַט, איך לײַגען פײַנע ליבער,
אַ שרײַבער שרײַבט אײַסעס.

ווילסטו זײַן געזונט און שײן, זאָלסטו זײַן שטענדיק ריין!

זאָג גיך:

זלאַטעס זיבן זין עסן זיבן זיסע זעמל.

ף ף



אַ שיף

אָט פאָרט אַ שיף. דאָס וואַסער איז טיף. פינף פישער פירן די שיף. אַ פישער גיט אַ וואָרף דעם אַנקער. די שיף בלײַבט שטיין.

שרייב איבער:

גיב אַ רוף, גיב אַ פײַף, זאָלן
אַלע קומען! — זײַ שטיל, שטיף
נישט! — שלאָף, שלאָף, מײַן קינד!
דער סאָף פון דער מײַסע

שפריכוואָרט:

רוף נישט דעם וואָלף פון וואַלד!



וויג-ליד

שלאָף מײַן קינד, שלאָף.
דער טאַטע וועט קומען פֿון דאָרף,
וועט ער ברענגען אַ ניסעלע,
וועט זײַן געזונט דײַן פּיסעלע.

שלאָף מײַן קינד, שלאָף.
דער טאַטע וועט קומען פֿון דאָרף,
וועט ער ברענגען אַן עפּעלע,
וועט זײַן געזונט דײַן קעפּעלע.

כ, ך

כ, ך

נעבע באָלעמט בייַנאַכט
וועגן אַ שיכעלע,
אַ ביכעלע,
אַ טיכעלע,
אַ קיכעלע.

שרייב איבער:

אַ קאַלטע נאַכט. לייען היכער!
מאַך אַ קוכן מיט קיכעלעך!
אַ וואָרעם קריכט. טרינק מילך!
פאַל נישט פון באַנק!

זאָג גיך:

שלאַנגען שלינגען שלענגעלעך.

שרייב אַריין דעם „כ“ אָדער „ך“:

טו—, נאַ—ט, בו—, לי—ט, ליי—טער,
שי—ל, מיל—, קי—, אַ—ט, מאַ—ט.

אַ שוסטער

מיין טאַטע אַרבעט
שווער און גיך,
ער איז אַ שוסטער,
מאַכט ער שיך.

אַ גוטער שוסטער
איז מיין טאַטע,
טראָג איך שיך
לאַטע אויף לאַטע.

מיין טאַטע אַרבעט
שווער און גיך,
נאָר איך דאַרף טראָגן
אַלטע שיך.

פּ, וי

פּ, ו

אין פּאַרק

קינדער שפּילן זיך אין פּאַרק. פּערעלע שפּרינגט אַראָפּ פון אַ באַנק. פּאָל פּויקט אין אַ פּויק. פּיער און שאַרל שפּילן זיך אין פּערדלעך. פּיער וועט זיך מיט שאַרלען: ווער לויפט שנעלער. זיי לויפן גאַלאָפּ. אָבער פּיער לויפט שנעלער. ער כאַפּט שאַרלען. אַ גרופּע קינדער שפּילט מיט אַ באַל. דער באַל איז רויט מיט בלויע שטריכן. עס ווערט שפּעט. גענוג געשפּילט. אין שטוב וואַרט די מאַמע מיט דער זופּ. די מאַמע שיקט פּערעלען אין קראָם קויפן ברויט, פלוימען מיט עפּל. פּערעלע לויפט גיך. זי באַגעגנט דעם טאַטן, וואָס קומט שוין פון זיין אַרבעט. אַלע גייען עסן אָונטברויט.



קינדער

קינדערלעך פֿון אַפריקע,
קינדער פֿון יאַפּאַן,
ווו עס זענען קינדערלעך,
דאָרט איז פֿרייד פֿאַראַן.

אַלע קליינע קינדערלעך
זענען קלוג און שיין,
שוואַרצינקע און ווייסינקע,
אַלע פֿול מיט כיין.

ה

ה



אין זאָאָלאָגישן גאָרטן

הײנט איז אַ העלער טאָג. מיר קלײבן זיך גײן אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. הונדערטער קינדער לויפן צום מעטראָ. עס הערן זיך פרײלעכע שטימעס. מען

שטופּט זיך, מען לאַכט. מיר זענען שוין אָנגעקומען. מיר גייען פאַרביי פאַרשידענע שטייגן. אַט זעען מיר הירשן מיט הערנער. לייבן, טיגערס, העלפאַנטן ליגן אין זייערע שטייגן און טרומען וועגן זייערע היימען. אַפילע קליינע, גרויע העזעלעך פעלן דאָ נישט. מאַלפּעס הוידן זיך אויף הוידלקעס און כאַפּן די נאַשערייען, וואָס די קינדער וואַרפן זיי. מיר לויפן פון איין שטייג צו דער אַנדערער. מיר זעען נאָך פאַרשידענע כאַיעס. אַ קעמל מיט אַ הויקער, וואַסער-הינער און אַנדערע.

דער זאָאָלאָגישער גאַרטן פאַרשאַפט פיל פרייד. פריילעכע פאָרן מיר אַהיים.

רעכן אויס וועלכע כאַיעס האָסטו געזען אין זאָאָלאָגישן גאַרטן?

דאָס הינטל הערמאַן

מיין ברודער הערשל האָט געכטן אַהיים געבראַכט אַ קליין הינטל. ער האָט דאָס הינטל געפונען אין הויף. דאָס הינטעלע איז הונגעריק. הערשל גיט דעם הינטעלע הייסע מילך. מיר גיבן אים אַ נאָמען הער-מאַן. הערמאַן לויפט אַהין און אַהער. אַלע קינדער לויפן נאָך דאָס הינטל.

איך	האָב	מיר	האָבן
דו	האָסט	איר	האָט
ער (זי)	האָט	זיי	האָבן

שרייב אריין דעם „ה“:

–אַמער, –עכער, –ערינג, –אַנט,
–ימל, –על, –ייס, –ענדלער.



רעטענישן :

וואָס איז דער העכער פון אַ הויז ?

וואָס איז פלינקער פון אַ מויז ?



שפּריכוואָרט :

כאַפּ נישט, עס איז נישט קיין הייסע לאָקשן !

●

צ, ץ



דער צירק

מיר גייען אין צירק. אַ גרויסע צאָל קינדער פון דער צוגאָב-שול האָט זיך פאַרזאַמלט. מיר קומען צו צום צירק. ביים פענצטערל פון דער קאַסע שטייט אַ גרויסע צאָל צושויער. מיר זענען שוין אין צירק. מיר זעצן זיך אויף די פּלעצער. די טירן זענען שוין צו. אַ קונצן-מאַכער מאַכט קונצן. עס באַווייזט זיך אַ לייב. ער ווייזט אַ צונג. מיר צעלאַכן זיך האַרציק. ער דערציילט וויצן. אַ שוואַרצע ציג טאַנצט מיט אַ

ווייסער קאַץ. צוועלף צווערגעלעך מיט לאַנגע בערד
שפּאַצירן אויף דער סצענע. די קינדער געפעלט אַלץ.
צופרידענע קומען מיר אַהיים.

ציגעלע - מיגעלע, קאָטינקע,
קליינע פּאָמעראַנצן;
לויפֿט דער טאָטע צו דער מאַמען,
גייען די קינדערלעך טאַנצן.

אַ טאַנץ — טענץ
אַ קראַנץ — קרענץ

שרייב איבער:

אַ בליץ, אַ היץ, אַ וויץ, אַ שפּריץ

אַ כעלעמער וויץ.

אַ גאַסט: — זענען ביי איך אין שטאָט געבוירן געוואָרן גרויסע מענטשן?

אַ היגער: — ניין, איך וווין שוין דאָ פערציק יאָר און די גאַנצע צייט ווערן דאָ אַלץ געבוירן קליינע קינדער.

זאָג שנעל:

ציפּעלע צעברעכט צען טוץ אייער.

שיכעלעך

אָט-אָ, אָט-אָ איז אַ באַרג,
אָט-אָ, אָט-אָ איז אַ טאָל,
זיצט אַ שוסטער אויפן באַרג
מיט אַ האַמער, מיט אַן אָל.

שטעכט דער שוסטער מיטן אָל.
מיטן האַמער שלאָגט ער גיך.
איינס און צוויי
און איינס און צוויי,
וואַקסן אויס צוויי קליינע שיך.

זאָגט דער שוסטער:
— שיכלעך גייט!



גייען שיכעלעך אַוועק,
וווּ די וועלט האָט נאָר אַן עק,
גייען שיכעלעך אַרום,
וווּ דער שוסטער שיקט זיי אום.

גייען שיכעלעך נאָך ברויט,
גייען שיכעלעך נאָך זאַלץ,
גייען שיכעלעך אַרום
פאַרן שוסטער ברענגען אַלץ.

איינמאָל נעמען שיכלעך גיין,
ביי אַ טויער בלייבן שטיין.
קלאַפּט דאָס רעכטע שיכל: איינס,
קלאַפּט דאָס לינקע שיכל: צוויי.
עפנט זיך אַ טיר פאַר זיי.



זיצט אַ קינד דאָרטן אַליין,
באָרוועס, נאַקעט, ווינד און ווײ.

דאָרטן בלייבן שיכלעך שטיין,
ווילן ערגעץ מער נישט גיין.

און דער שוסטער אויפן באַרג
וואַרט און וואַרט,
און וואַרט און וואַרט.

יאַ, יאָ, יו, יע, יי

די יידישע צוגאָב-שול

דאָנערשטיק. יאַנקל לויפט שנעל. — וווהין לויפסטו, יאַנקל? — פרעגט עסטער.

יאַנקל: — וואָס הייסט וווהין? איך גיי אין דער יידישער צוגאָב-שול.

עסטער: — וואָס עפּעס אין דער יידישער צוגאָב-שול?

יאַנקל: — וואָס הייסט? איך בין דאָך אַ יידיש קינד, מוז איך קענען יידיש. מיין מאַמע, מיין טאַטע רעדן צווישן זיך יידיש, וויל איך אויך קענען רעדן יידיש.

עסטער: — וואָס נאָך טוט איר אין דער יידישער צוגאָב-שול? איר לערנט נאָר רעדן יידיש?

יאַנקל: — לייענען און שרייבן אויך. מיר זינגען יידישע לידער, מיר מאַכן פאָרשטעלונגען. מיר שפּילן פּיעסן אין יידיש. מיר גרייטן אַ יאָנטעוו צום נייעם יאָר. מיר שפּאַצירן אין וואַלד, מיר שפּילן זיך, מיר פאַר-ברענגען גוט.

עסטער: — נעם מיך אויך מיט אין דער יידישער צוגאָב-שול, מיר וועלן לערנען צוזאַמען יידיש.

יאַנקל: — קום מיט מיר. לאָמיר העלפן בויען די יידישע צוגאָב-שול.

שרייב אַרויס אַלע ווערטער, וועלכע דו קענסט שוין.

אונזער שול

פון פרימאָרגן, פון באַגינען,
ושומען קינדערלעך, ווי בינען.
אַלע בויען, טוען, שאַפן,
גרויסע קוקן צו און גאַפן.

אונזער שול – אַ וועלט אַ נייע,
פול מיט יוגנט און אַ פרייע,
אַלע קינדערלעך, ווי איינע,
יונגע, מוטיקע און שיינע.

שפריכווערטער:

אַז מען זאָל דיך גוט פאַרשטיין, דאַרפסטו שרייבן שיין און ריין.

יעדעס וואָרט האָט זיך זיין אָרט.

אַ וואַנט-צייטונג

איך האָב געשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער צוגאָב-שול.
דו האָסט געצייכנט.
מאַרסעל האָט געקלעפּט.
מיר האָבן די וואַנט-צייטונג שיין באַפּוצט.
איר האָט שוין די צייטונג געזען?
אַלע קינדער האָבן געהאָלפן מאַכן די וואַנט-צייטונג.

שרייב איבער:

צו ניי-יאָר האָט די מאַמע געשענקט יאַנקלען אַ יידיש ביכל. יאַנקל געפינט דאָרטן שיינע מייסעלעך. ער לייענט זיי אַלע. אַ מייסעלע וועגן יונגע העלדן. עס געפעלט יאַנקלען דאָס מייסעלע וועגן דער רעוואָלוציע פון 14-טן יולי. וועגן רייזעס צום צאָפּן-פאָל. מער פון אַלע מייסעלעך געפעלט יאַנקלען דאָס מייסעלע וועגן מאַי-יאָנטעוו.

טש

אַ פראָסט

אַ קאַלטער טאָג. עס פאַלט אַ שניי. די קינדער זענען אַוועק זיך גליטשן. גרויסע מענטשן קוקן צו, ווי די קינדער גליטשן זיך. זיי פּאַטשן בראַוואָ. די קינדער פאַלן, גליטשנדיק זיך און קוויטשען. כאָטש עס איז זייער קאַלט, ווילן די קינדער נישט אַהיים גיין. זיי ווינטשן, אַז דער שניי זאָל קיינמאָל נישט צעגיין.

שרייב אַריין דעם „טש“:

אענ–ן, קאַ–קע, קווע–ן, קווי–ען,
בענ–ן, ווע–ן, פּאַ–ן, –ערעשנע,
הענ–קעס, –ווקעס, גלי–.

אַי, אײַ, אָו, אײ, אױ

דער ווינטער איז געקומען

דער ווינטער איז געקומען. אויפן טייך שווימען גרויסע שטיקער אייז. דער פראָסט צופּט די אויערן. אין דרויסן איז אַלץ ווייס, באַדעקט מיט שניי. קינדער שפּילן זיך מיט שניי און מאַכן אַ שניי-מענטש. נאָך דער שפּיל לויפט איין קינד נאָכן אַנדערן אַהיים. אין שטוב איז וואַרעם. דער אויוון איז איינגעהייצט.

אַ	בוים	—	אַן	עפּל
אַ	טיש	—	אַן	אויוון
אַ	שאַנק	—	אַן	אומגליק
אַ	טיך	—	אַן	אינזל
אַ	מענטש	—	אַן	איי
אַ	הערינג	—	אַן	אייזן

שפּריכוואָרט:

אַ פּאַטש פאַרגייט, נאָר אַ וואָרט באַשטייט.

אַ קינדער-יאָנטעוו

צו ניי-יאָר גרייטן מיר אַ גרויסן יאָנטעוו. לאַנג פאַר דעם גרייטן מיר דעם פּראָגראַם. מיר אַרבעטן אויף טישן און בענק. אין אַלע ווינקעלעך ווערט פלייסיק געאַרבעט. מיר גרייטן צו אַ גרויסן פּראָגראַם: טענץ, געזאַנג, פּיעסן, רעציטאַציעס. ווען אַלץ איז גרייט, קומען מיר יאָנטעוודיקע, פריילעכע אין טעאַטער-זאַל. עס קומען פיל מענטשן. די פאָרשטעלונג הויבט זיך אָן. דער כאָר זינגט. מיר פירן אויס פּיעסן, טענץ, גימנאַסטיק און אַנדערע נומערן. טאַטעס און מאַמעס שעפּן נאַכעס פון זייערע קינדער. דער יאָנטעוו איז אונזער מאַטאָנע פאַר די עלטערן צום נייעם יאָר. נאָך דער פאָרשטעלונג ווינטשן זיך אַלע אַ גוט יאָר.

דערציל: וואָס דו האָסט געזען אויף אַ קינדער-יאָנטעוו.

רעטעניש:

מיט וואָס זענען פּעטש ענלעך צו עפּל?

ביידע נוצט מען אויף באַקן.

טראַכט צו זאַצן צו די ווערטער:

שטויב — די וואַנט איז פול מיט שטויב

פלוים — ....

רויז — ....

גרויס — ....

בוים — ....

טויער — ....

קרויט — ....

פאַרענדיק די ווערטער:

גרויס:		קליין:		גאָר קליין:	
קאָפּ		**קעפּל**		**קעפּעלע**	
קנאָפּ		....		....	
טאָפּ		....		....	
סערפּ		....		....	

דער האָז זוכט זיין נאָז

איז דער ווינטער געקומען, האָט אַ ווינט אָנגעהויבן צו ברומען. איז געוואָרן שטאַרק קאַלט אין גרויסן וואַלד.

איינמאָל אין אַ טאָג, האָט דער פראָסט אין וואַלד דערזען אַ האָז. האָט ער גענומען און אָפּגעפרוירן זיין נאָז.

האָט גענומען דער האָז און זיך שטאַרק צעוויינט: אויף אייביק אַנטלאָפן די נאָז, האָט ער געמיינט... פלוצלינג זעט ער: לויפט אַן אייזל. פרעגט ער אים: ווו איז ערגעץ מיין נעזל? מאַכט דאָס אייזל: — וויאַזוי קען איך וויסן, אַז ביי מיר האָט אויך דער פראָסט מיין נאָז אָפּגעביסן. איך זוך שוין צוויי שאָ און מיין נאָז איז נאָך אַלץ נישטאָ.

גייען זיי און גייען, ביז זיי האָבן אַ פוקס דערזען. האָט דער פוקס זיי געגעבן אַ פרעג: — וואָס וויינט איר מיט אַזוינע גרויסע טרערן? דערציילט מיר, לאָמיך הערן.

זאָגן זיי: — וואָס קענען מיר דערציילן, אַז דער פראָסט האָט צוגעכאַפּט ביי אונז די נעז? באַקומט דער פוקס אויף זיי ראַכמאָנעס און זאָגט: אויב איר וועט מיר געבן מאַטאָנעס. וועל איך געפינען אייערע נעז.

נישט ווייט פון וואַלד שטייט אַ שטוב. אין דער שטוב וווינט אַ ייד, וואָס שמעקט טאַבאַק און זינגט אַ ליד. איז דער

פוקס געגאַנגען צום ייד און האָט אים געזאָגט: ווען דו וועסט מיר געבן טאַבאַק אַ שמעק, וועל איך פון דיינע הינער נישט טון קיין לעק. האָט דער ייד אים געגעבן טאַבאַק אַ שמעק. האָט יעדערער געגעבן אַ שמעק און אַזאַ נים, אַז ער האָט אָנגעהויבן דרייען מיטן עק און טופּען מיט די פּיס. דאַן האָט יעדערער דערפילט, אַז ער האָט אַ נאָז.

פראַגעס:

1) וואָס האָט דער פראָסט געטון דעם האָז?
2) וואָס האָט דאָס אייזל דערציילט דעם העזל?
3) ווילאַנג זוכט דאָס אייזל זיין בעזל?
4) וויאַזוי האָבן דער האָז מיטן אייזל געפונען זייע־ע נעז?

גרויס:	קליין:	גאָר קליין:
דער טיש	דאָס טישל	דאָס טישעלע
די לאָמפּ	דאָס לעמפּל	דאָס לעמפּעלע
דאָס פערד	דאָס פערדל	דאָס פערדעלע

מיט אַ נאָז און אָן אַ נעזל

ווען קינדער טרינקען מילך
פון אַ גרויסער גלאָז,
וואַקסן זיי געזונט
מיט אַ שיינער נאָז.

ווען קינדער טרינקען מילך
פון אַ קליין גלעזל,
וואַקסן זיי
מיט אַ קלענער נעזל.

ווען קינדער טרינקען נישט
קיין מילך
פון קיין גלאָז
און נישט פון קיין גלעזל —

ווערן זיי גרינגער
פון אַ גרעזל,
און זיי בלייבן
אָן אַ נעזל.

אַ בריוועלע

טײַערע לערערין,
איך קען הײַנט נישט קומען אין שול,
ווײַל איך בין קראַנק. איך האָב מיך
צוגעקילט. ווי נאָר איך וועל געזונט
ווערן, וועל איך ווידער קומען אין שול.
איך גריס אַלע קינדער.
דײַן עסטערל

וואַשן

איך	וואַש
דו	וואַש-סט
ער (זי)	וואַש-ט
מיר	וואַש-ן
איר	וואַש-ט
זיי	וואַש-ן

זינגען

איך	זינג
דו	זינג-סט
ער (זי)	זינג-ט
מיר	זינג-ען
איר	זינג-ט
זיי	זינג-ען

שרייב אריין וואָס פעלט :

קלינגען

איך	קלינג
דו	....
ער (זי)	....
מיר	....
איר	....
זיי	....

שרייבן

איך	שרייב
דו	....
ער (זי)	....
מיר	....
איר	....
זיי	....

איך קען ציילן

מאַרש-ליד

איינס און צוויי,
און דריי און פיר,
וואָס מיר זענען.
זענען מיר!

פינף און זעקס
און זיבן און אַכט,
נישט געוויינט.
און נישט געלאַכט!

ניין און צען,
און עלף און צוועלף,
טרעפסט אַ פויער —
זאָג אים: — „העלף!“

פליט אַ פויגל —
זאָג אים: פלי!
טרעפסט אַ בלימל:
זאָג אים: בלי!

קלוגע ענטפערס

אַ קעניג האָט אַמאָל אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז קיינער זאָל נישט אַרויסגיין אין גאַס נאָך צוועלף אַזייגער ביינאַכט. ווער עס וועט נישט פאָלגן, וועט באַשטראָפט ווערן.

סאָלדאַטן זענען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און אָפּגעשטעלט אַלע מענטשן, וואָס גייען אַרום שפּעט בייִנאַכט.

איין נאַכט האָבן די סאָלדאַטן אָפּגעשטעלט דריי מענטשן.

— שטייט! — האָבן די סאָלדאַטן געזאָגט. — ווער זענט איר?

האָט איינער געזאָגט:

— דער קעניג קאָן נישט אויסקומען אָן מיר. ווען איך בין מיט אים, זיצט ער ערנסט אויף דער שטול און בויגט איין זיין קאָפּ, ווען איך הייס אים.

דער צווייטער האָט געזאָגט:

— ווען נישט איך, וואָלטן דער קעניג און אַלע רייכע לייט פאַרפרוירן געוואָרן פון קעלט. זיי וואָלטן נישט געקאָנט אַרויסגיין פון הויז.

און דער דריטער האָט געזאָגט:

— ווען נישט איך, וואָלטן דער קעניג און זיינע מיניס-טאָרן נישט געקאָנט אַרומגיין.

די סאָלדאַטן האָבן מורא געהאַט צו באַשטראָפן אַזעל-כע וויכטיקע מענטשן און האָבן זיי געבראַכט אין פּאַלאַץ.

דאָרטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער איז אַ שערער, דער צווייטער — אַ שניידער און דער דריטער — אַ שוסטער.

אַ וואָך
מיט אַרבעט

איך בין געזעסן זונטיק
און געטראַכט מאָנטיק
צו פאָרן דינסטיק,
האָב איך באַטראַכט מיטוואָך,
ווי קאָן מען פאָרן דאָנערשטיק,
אַז פרייטיק איז שוין באַלד שאַבעס.

דער זייגער

דער זייגער וועקט מיך אויף
אין שול אַריין צו גיין —
אָבער ער אַליין
בלייבט אין דער היים.

ער ציילט פון איינס ביז צוועלף —
ער קען נישט מער —
אָבער איך קען ציילן
אַסאַך מאָל מער.

פול — פּיל

דער קויש איז פול מיט עפּל.
איך האָב פּיל נים אין מיין טאַש.

זש

זשומען די בינען אין בינשטאָק.
שלאָף-זשע איין, מיין קינד.
וואָס-זשע ווילסטו, זשאַמעלע ?
זשעראַר איז אַ גוטער שילער.
די קינדער שרייען אַזוי שטאַרק, אַז עס
ציטערן אַזש די ווענט.
זשאַבעס שפּרינגען אין סאַזשלקע.
זשערמען און זשעני זענען צוויי כאַווערטעס.
הערט-זשע קינדער, אונזער ליד.

שרייב איבער :

זשאַמעלע איז אַ קליין יינגעלע,
די בינען זשומען,
זשאַבעס שפּרינגען אין וואַסער.

אַ ווייץ :

מאַמע : — גיטעלע, האָסטו שוין אויסגעקאָכט ·די אייער אויף שיטער ?

גיטעלע : — ניין, מאַמע, די אייער קאָכן זיך שוין אַ האַלבע שאָ און זיי זענען נאָך אַלץ האַרט.

אַז מען עסט נישט, איז מען גרין!

אַלע קינדער זענען רויז,
נאָר איין דינע,
בלויז איין דינע,
איז אַ גרינע —
גרין ווי גראָז.

האָט די לערערקע נאַטאַשע
דינקען איינגערוימט אַ סאָד:
— ווער עס עסט נישט אויף
די קאַשע,
וועט נישט עסן קיין
קאָמפּאָט!

אַלע קינדער עסן קאַשע —
און קאָטלעטן און פּירע!
נאָר איין דינע —
בלויז איין דינע —
וואָס מען גיט איר, איז
איר „פע“.

נעמט שוין דינעלע פּאַמעלעך,
טוט אַ רוק צו זיך דעם
טעלער,
מיטן לעפעלע — אַ שטעק,
טוט אַ לעק און לייגט
אַוועק.

זאָגט דער דאָקטער: — נו, מיין פריינט,
וואָס-זשע עסטו נישט? — כ'האָב פיינט.
„פיינט“ אַהער און „פיינט“ אַהין —
אַז מען עסט נישט, איז מען גרין!

שפּריכוואָרט:

ער וויל דאָס טעלערל פון הימל.

וואַשן

איך האָב געוואַשן
דו האָסט געוואַשן
ער (זי) האָט געוואַשן
מיר האָבן געוואַשן
איר האָט געוואַשן
זיי האָבן געוואַשן

זינגען

איך האָב געזונגען
דו האָסט געזונגען
ער (זי) האָט געזונגען
מיר האָבן געזונגען
איר האָט געזונגען
זיי האָבן געזונגען

שטעל אַריין וואָס עס פעלט:

איך האָב געגעסן
דו ....
ער (זי) ....
מיר ....
איר ....
זיי ....

איך האָב געטרונקען
דו ....
ער (זי) ....
מיר ....
איר ....
זיי ....

איך האָב געאַרבעט
דו ....
ער ....
זי ....
מיר ....
איר ....
זיי ....

מיר האָבן געלאַכט
זיי ....
ער ....
איך ....
איר ....
דו ....
זי ....

צוויי פוילע

צוויי פוילע זענען געלעגן און גאָרנישט נישט געטון. גייט צו צו זיי איינער און פרעגט ביי איין פוילן:
— וואָס טוסטו?
ענטפערט דער פוילער:
— גאָרנישט.
פרעגט יענער ביים צווייטן פוילן:
— און וואָס טוסטו?
ענטפערט דער צווייטער:
— איך העלף אים.

שפריכוואָרט

אַז מען איז פויל, האָט מען נישט אין מויל.

אַ כעלעמער וויץ:

לערער: — ווו געפינט מען דעם העלפאַנט?
שילער: — דער העלפאַנט איז אַזאַ גרויסע כאַיע, אַז ער ווערט קיינמאָל נישט פאַרלוירן.

אַרום וואָס דרייט זיך די ערד ביינאַכט?

אַ לערער האָט דערקלערט די קינדער, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון. הויבט זיך אויף אַ ושאַקעלע און שטעלט דעם לערער אַ פראַגע:
— און אַרום וואָס דרייט זיך די ערד ביינאַכט, ווען די זון איז נישטאָ?

דזש

דאָס פֿאַרבלאָנדזשעטע מיידעלע
די מאַשינען רוישן, הודזשען

דער — די — דאָס

דער הונט בילט   די קאַץ נאַשט   דאָס קינד שלאָפֿט
דער שניי פֿאַלט   די בלומ בליט   דאָס אויער הערט

שרייב אַריין „דער, די אָדער דאָס":

.... פּוט	.... באַנק	.... אייזל
.... האַנט	.... וואַלד	.... פֿוקס
.... אויג	.... פֿעלד	.... מאַלפּע

די זון און די קינדער

די זון איז פֿאַרווײנט. דאָס פּנים ביי איר איז פֿאַרצויגן.

זי האָט אַריינגעקוקט אין פֿענצטער צו די קינדער. איז דאָס פֿענצטער פֿאַרהאַקט, די שויבן פֿאַרשטויבט, פֿאַרשמוצט.

די זון ווייל אַריינקומען צו די קינדער, אָבער דער שטויב און דער שמוץ לאָזן נישט.

— זון! זון! מיר ווילן זון! — רופן די קינדער.

— קינדער, קינדער, איך וויל צו אייך! — רופט די זון.

די שמוציקע שויבן פאַרשטעלן די שיין, לאָזן נישט דורך די שטראַלן.

— לאָמיר אויסוואַשן די שויבן! לאָמיר עפענען די פענצטער! — זאָגן די קינדער.

גערעדט און געטון. פאַרקאַטשעט די אַרבל, געעפנט די פענצטער, אויסגעווישט די שויבן.

די זון האָט אַריינגעלויכטן און זיך צעשמייכלט.

צוזאַמען מיט די קינדער געלאַכט...

די זון האָט ליב צו זיין מיט די קינדער.

און די קינדער קאָנען אָן דער זון פריילעך נישט זיין.

און אַזוי איז זיי אַלעמען גוט.



דז

דזין, דזין, דזין און דזין, דזין, דזין, דזין,
קלינגען זילבער-גלעקלעך.
דזין, דזין, דזין און דזין, דזין, דזין,
וואָס דערציילן גלעקלעך?

דזין, דזין, דזין, פון ווייטן לאַנד,
ברענגען מיר אין צויבער-לאַנד,
קינדער-טרוימען גאָלדענע,
קינדער-טרוימען גאָלדענע.

איך מאַך — כ׳מאַך

שרייב אריין:

איך שפּיל — ______ איך לערן — ______
איך וויל — ______ איך טאַנץ — ______
איך שרייב — ______ איך פּייף — ______
איך זינג — ______ איך ברום — ______

איינס:	אסאך:
דער הונט	די הינט
די קאַץ	די קעץ
דאָס קינד	די קינדער

דאָס ביכעלע

א.

אין אַ שטוב אויף אַ טיש איז געלעגן אַ ביכל.
איז אָבער אין שטוב קיינער נישט געווען און דאָס ביכל נישט געהערט און נישט געזען.
וואָס-זשע װעט עס אַזוי ליגן ?
האָט דאָס געגעבן אַ מאַך — האָפּ ! און פון טיש אַ שפרונג אַראָפּ. און צום פענצטער געגעבן אַ לויף, און אַרויס-געקוקט אויפן הויף.
אויפן הויף האָט דאָס ביכל דערזען אַסאַך קינדער און אַלע זענען געווען פאַרטון אין אַ שפּיל.
איז דאָך דאָס ביכל גרינג.
האָט דאָס געטון אַ שפּרונג.
און איינס, צוויי, און דאָס ביכל איז שוין געווען אויפן הויף און זיך אַריינגעשטעלט צווישן אַלע קינדער.

ב.

האָבן די קינדער אָפּגעשטעלט די שפּיל, און זיך אַרומ-געשטעלט אַרום דעם נייעם גאַסט — דעם ביכל.
האָבן די קינדער געפרעגט ביי דעם ביכל :
— וויאַזוי הייסטו ?
— וויאַזוי איך הייס ? יידיש איז מיין נאָמען ! — האָט דאָס ביכל געענטפערט.
האָבן זיך די קינדער איבערגעקוקט איינס מיטן אַנדערן. און כאָטש זיי זענען אַלע געווען יידישע קינדער, האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס ביכל מיינט. ווייל זיי האָבן

קיינס נישט געקענט לייענען קיין יידיש. נאָר צווישן די קינדער איז געווען איין יינגל, אַן עלטערער, וואָס האָט יאָ פאַרשטאַנען און געקענט לייענען יידיש.

האָט דאָס יינגל, וואָס האָט געהייסן מיכל,

אַ טאַנץ געטון : אַך, אַ יידיש ביכל !

און דאָס יינגל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז, און אַרום אים — אין אַ ראָד אַלע קינדער. און דאָס יינגל מיכל האָט גענומען דאָס ביכל און האָט אָנגעהויבן צו לייענען די שיינע לידלעך און מייסעס, וואָס זענען אין דעם יידישן ביכל געווען אויפגעשריבן.

די קינדער זענען געזעסן מיט אָפענע מיילער און זיך איינגעהערט, וואָס דאָס יינגל מיכל דערציילט זיי פון דעם יידישן ביכל.

ג.

אַז ער האָט שוין געהאַט אויסגעלייענט דאָס גאַנצע ביכל, און עס איז די קינדער שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָבן זיי דעם יינגל געפרעגט, וויאַזוי ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען יידיש, האָט זיי מיכל געענטפערט :

— איך גיי אין דער יידישער שול !

— מיר ווילן אויך גיין אין דער יידישער שול ! — האָבן אַלע קינדער אַ זאָג געטון.

אַז דאָס ביכל האָט דאָס דערהערט, וואָס די קינדער האָבן געזאָגט, האָט דאָס געגעבן אַ שפרונג און זיך אַוועקגעשטעלט דאָס ערשטע אין דער ריי און אַ זאָג געטון צו די קינדער :

— קומט, יידישע קינדער, וועל איך אייך פירן אין דער יידישער שול.

און שיין איז געווען צו קוקן,
ווי דאָס ביכל האָט די קינדער געפירט
און אין דער יידישער שול מאַרשירט.
אַז דער לערער האָט דערזען אַזויפיל קינדער, האָט ער
אַ פרעג געטון:
— וואָס ווילט איר, קינדער?
און אַלע קינדער האָבן געענטפערט:
— מיר ווילן קענען יידיש!
פון דעמאָלט אָן האָבן אָנגעהויבן צו קומען אין שול אַריין אַסאַך, אַסאַך יידישע קינדער, ווייל אַלע, אַלע האָבן געוואָלט קענען לייענען און שרייבן יידיש.

איך	בין	מיר	זענען
דו	ביסט	איר	זענט
ער (זי)	איז	זיי	זענען

פאַרענדיק די זאַצן:

איך בין אַ יידיש קינד
דו ....
ער ....
זי ....
מיר .... יידישע קינדער
איר ....
זיי ....

דריי פוילע ברידער

אונטער אַ קאַרשנבוים ליגן דריי ברידער, איינער פוילער פון דעם אַנדערן.

זאָגט איינער:

— אַך, ווען עמיצער וואָלט געקומען און וואָלט אָפּגע-ריסן די קאַרשן פון בוים און אונז אין מויל אַריינגעלייגט, וואָלט געווען גאָרנישט שלעכט.

ענטפערט אים דער צווייטער:

און איך וואָלט געוואָלט, אַז די קאַרשן זאָלן זיך אַליין רייסן און זאָלן פאַלן גלייך אין מויל אַריין.

דער דריטער ברודער האָט אַ גענעץ געטון און געזאָגט:

— ברידער, ווי פוילט איר זיך דאָס נישט אַזויפיל צו רעדן!



נאָר קליין:	קליין:	גרויס:
דאָס בערעלע	דאָס בערל	דער בער

שרייב אַריין:

....	....	די שווערד
....	....	די פלאַש
....	....	דער שוך
....	....	דאָס ליד

פרייע אַרבעט

איך בין אַ קינד פון פרייער אַרבעט,
שטיי איך אויף גאַנץ פרי:
איז די אַרבעט אַ באַפרייטע,
איז אַ פרייד די מי.

רופט דאָס פייפל מיך אויף אַרבעט,
בין איך שטענדיק גרייט:
איז די אַרבעט אַ באַפרייטע,
אַרבעט זיך מיט פרייד.

טראָט צו טראָט און וואָרט צו ווערטער,
מענטשן אָן אַ צאָל:
היי, כאַווײרים, צו דער אַרבעט
אַלע מיטאַמאָל!

די פאַבריקן הודזשען, הודזשען,
שווינדלט ראָד נאָך ראָד:
היי, כאַווײרים, צו דער אַרבעט —
אַ מינוט אַ שאָד!

יעדנס טון און יעדנס שאַפן,
יעדער אויגנבליק, —
היי, כאַווײרים, אונזער אַרבעט
איז פאַר אונז אַ גליק.

אַ שטיקל ברויט

— מאַמע, גיב מיר אַ שטיקל ברויט!

— גיי, מיין קינד, צום בעקער, וועט ער דיר אויסבאַקן אַ ברויט!

— בעקער, בעקער, באַק מיר אויס אַ ברויט!

— גיי, מיין קינד, צום מילנער, וועט ער דיר געבן מעל, וועל איך דיר אויסבאַקן אַ ברויט.

— מילנער, מילנער, גיב מיר אַביסל מעל!

— גיי, יינגעלע, צום פּויער, וועט ער דיר געבן ווייץ, וועל איך עס אָפּמאָלן און וועל דיר געבן מעל.

— פּויער, פּויער, גיב מיר אַביסל ווייץ!

— גיי, יינגעלע אין פעלד, געפינען דאָרטן זאַנגען און ברענג זיי צו מיר. וועל איך זיי אויסדרעשן און געבן דיר ווייץ.

איז דאָס קינד געגאַנגען אין פעלד און געפונען דאָרטן זאַנגען. ער האָט זיי געבראַכט צום פּויער. האָט דער פּויער זיי אויסגעדראָשן און געגעבן אים אַביסל ווייץ.

פון פּויער איז ער אַוועק צום מילנער אין מיל, און פון מילנער — צום בעקער אין בעקעריי. אַזוי האָט ער געקראָגן זיין שטיקל ברויט.

מען האָט — מ'האָט	עס איז — ס'איז

שרייב אַריין:

מען לויפט —	....	עס פליט —	....
מען עסט —	....	עס קלינגט —	....
מען דאַרף —	....	עס שווימט —	....

נישט געשטויגן, נישט געפלויגן

הערט אַ מייסע, קינדערלעך,
הערט מיט נאָז און אויגן,
איבער באָבע יאַכנעס דאַך
איז אַ קו געפלויגן.

זומער אָוונט אין דער פרי
איז אַ שניי געגאַנגען,
און אויף אַ געברענטער שטרוי
איז אַ בער געהאַנגען.

אויף אַ בוים געטאַנצט אַ שער
האָבן גענז און ציגן,
און אַ קאַץ האָט זיך געזעצט
אויסמעלקן די פליגן.

האָט אַ פּאַווע איינגעשפּאַנט
העכט אַ פּאָר אין צעבער
און ביי יאַשקען אויף דער נאָז
הענגט אַ לונג און לעבער.

דאָס איז עמעס, דאָס איז עמעס —
דאָס איז עמעס אַלץ געווען.
דאָס איז עמעס, דאָס איז עמעס —
דאָס האָב איך אַליין געזען.

הינטער דעם — הינטערן	אין דעם — אינעם
אונטער דעם — אונטערן	פון דעם — פונעם
איבער דעם — איבערן	אויף דעם — אויפן

אַלעף, בּיס, גימל —
אויף מיין קינד אַ זיסער דרימל;

דאַלעד, הי, וואָוו —
אויף מיין קינד אַ זיסער שלאָף;

זאַיען, כעס, טעס —
טאָג און נאַכט איז אַ מעטלעס;

יוד, קאָף, כאָף —
קומט די נאַכט, קומט אָן דער שלאָף;

לאַמעד, מעם, נון —
קומט דער טאָג, גייט אויף די זון;

סאַמעך, עיִען, פּיי —
טוט דאָס הענדעלע אַ קריי;

פֿיי, צאַדיק, קוף —
צו דער אַרבעט טוט אַ רוף;

רייש, שין, טאָף —
שלאָף, מיין קינד, שלאָף!

הענעך לאָזט אייך גריסן

– הענעך, וועק מיך אויף!

– שוין אויפגעוועקט, באַלעבאָס-לעבן. איר קאָנט שוין אויפשטיין.

– הענעך, גיב מיר אָפּ די נעגל!

– שוין אָפּגעגאָסן, באַלעבאָס-לעבן.

– הענעך, רייב מיר איין די פּלייצעס מיט שפּירט!

– שוין איינגעריבן, באַלעבאָס-לעבן.

– הענעך, טו מיר אָן די הויזן, די שטעקשיך!

– שוין אָנגעטון, באַלעבאָס-לעבן.

– הענעך, גרייט צום טיש!

– שוין געגרייט, באַלעבאָס-לעבן.

– הענעך, שטעל אַרויף דאָס געבראָטנס, מיט די פיש, מיטן לאָקשן-קוגל, מיטן מייערן-צימעס, מיט דער געפּיל-טער קישקע, מיט צוויי פלעשער וויין, מיט אַ פלאַש בראָנפן, אַ שיסל וויינטרויבן און אַ טעלער מיט ניס.

– שוין אַרויפגעשטעלט, באַלעבאָס-לעבן.

– ה-ם-ם, קאָנסט שוין גיין, הענעך, עסן וועל איך שוין אַ ל יי ן.

פראַגע:

פאַרוואָס האָט דער באַלעבאָס צום סאָף אַוועקגעשיקט הענעכן?

שפּריכוואָרט:

דער זאַטער גלויבט נישט דעם הונגעריקן.

דער געטרייער הונט

אַ פּויער האָט געהאַט אַ הונט. דער הונט האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט זיין באַלעבאָס. וווהין דער פּויער פלעגט גיין אָדער פאָרן, פלעגט דער הונט נאָכלויפן. איינמאָל האָט דער פּויער געדאַרפט עפּעס האָבן אין שטאָט. ער האָט זיך געזעצט רייטן אויף אַ פערד, האָט אַוועקגעלייגט לעבן זיך אַ בייטל מיט געלט און איז אַוועקגעפאָרן. דער הונט איז געלאָפן נאָך אים.

פלוצלינג האָט דער הונט אָנגעהויבן צו האַווקען. דער פּויער איז געפאָרן ווייטער. דער הונט האָט נאָך שטאַרקער געהאַווקעט, אָבער דער פּויער האָט אים אַוועקגעטריבן מיט דער בייטש. דער הונט האָט זיך געוואָרפן אויפן פערד און אָנגעהויבן צו בייסן. דער פּויער האָט געמיינט, אַז דער הונט איז מעשוגע געוואָרן. האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און האָט געשאָסן דעם הונט. דער פאַרווונדעטער הונט איז אָפּגעלאָפן עטלעכע טריט און אַנידערגעפאַלן טויט.

דער פּויער האָט זיך אומגעקערט עטלעכע טריט צו זען, צי דער הונט איז שוין טויט. און וואָס האָט ער געזען? דער הונט איז געלעגן אַ טויטער און אונטער אים איז געלעגן דעם פּויערס בייטל מיט געלט. דער הונט האָט געוואָלט ווייזן דעם פּויער, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס געלט. אָבער דער פּויער האָט אים נישט פאַרשטאַנען. דעם פּויער האָט זייער באַנג געטון, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

שפּריכוואָרט:

כאַפּ נישט די פיש פאַר דער נעץ.

דער גערטנער

איינמאָל האָט אַ גערטנער געכאַפּט אַ קליין פייגעלע און עס געוואָלט טויטן.

האָט דאָס פייגעלע זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים:

— מענטש, איך בין אַזאַ קליינס, אַזאַ שוואַכס. אויף וואָס טויג איך דיר? לאָז מיך אָפּ, וועל איך דערפאַר דיך אויסלערנען אַזוינס, וואָס וועט דיר פיל נוצן ברענגען.

— גוט — האָט דער גערטנער געזאָגט — לערן מיך אויס, וועל איך דיך אָפּלאָזן.

— הער זיך איין, מענטש: — צוויי זאַכן דאַרפסטו געדענקען:

ערשטנס, זאָלסטו נישט גלייבן אין דעם, וואָס איז קעגן דעם מענטשנס פאַרשטאַנד.

צווייטנס, זאָל דיר נישט באַנג טון דאָס, וואָס דו האָסט שוין פאַרלוירן.

אָט די צוויי זאַכן, אַז דו וועסט געדענקען, וועט דיר זיין גוט, ווי די וועלט.

דער גערטנער איז געבליבן שטאַרק צופרידן פון אַזוינע קלוגע רייד און אָפּגעלאָזט דאָס פייגעלע אויף דער פריי.

דאָס פייגעלע איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן שפּיץ פון העכסטן בוים און אַראָפּגעזונגען:

— איי, דו מענטש, וואָס דו האָסט אָנגעווירן, וואָס דו האָסט פאַרלוירן!

— זיי וויסן, אַז אינעווייניק אין מיין בויך איז דאָ אַ בריליאַנט גרעסער פון אַ גענדז איי. ווען דו וואָלסט מיך געהאַרגעט און אים אַרויסגענומען, וואָלסטו געווען גליקלעך.

אַז דער גערטנער האָט עס דערהערט, האָט אים שטאַרק

פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס פייגעלע. ער איז צוגעלאָפן צום בוים און אָנגעהויבן בעטן עס:

— קום צו מיר, פייגעלע, איך וועל דיך טייער האַלטן, איך וועל דיך היטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. קום אַראָפּ צו מיר, מיין פייגעלע!

— אָ, זעסטו — האָט דאָס פייגעלע געענטפערט — האָסט שוין פאַרגעסן די גאַנצע לערע! דו גלויבסט, אַז ביי מיר אין בויך איז דאָ אַ בריליאַנט די גרויס פון אַ גענזן איי, — ווען איך אין גאַנצן בין קוים אַן איי די גרויס... ווייטער האָב איך דיך געלערנט, אַז עס טאָר דיך נישט פאַרדריסן אויף דעם, וואָס מען האָט שוין פאַרלוירן... און דו?...

און ביי די ווערטער האָט דאָס פייגעלע אַ פאָך געטון מיט די פליגל און איז אַוועקגעפלויגן.

שפּריכווערטער:

1) געבראָטענע טייבעלעך פליען נישט אין מויל אַריין.
2) ער רירט זיך, ווי אַ בלייענער פויגל.
3) אַרבעט ברענגט ברויט, פוילקייט ברענגט נויט.



אַ שנײדער און אַ פּרעסער

מײן ברודער עליע און זײן כאַווער פּיניע אַרבעטן אין צוויי באַזונדערע פאַבריקן. אײנער איז אַ שנײדער. דער אַנדערער איז אַ פּרעסער. אַ שנײדער דאַרף נישט נײען מיט די הענט. ער שטעפּט אויף דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אָבער אויך קענען. עס שטעפּט זיך נישט אַלײן.

וויאַזוי האָט זיך מײן ברודער עליע אויסגעלערנט שטעפּן? מען האָט אים געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זײ איבערגײן הין און צוריק עטלעכע מאָל און איז געוואָרן אַ שנײדער. אויף מאָרגן האָט ער שוין געשטעפּט.

פּיניען האָט מען אויך אַוועקגעזעצט בײ דער מאַשין, ווי עליען. מען האָט אים אויך געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זײ איבערגײן הין און צוריק מיט דער מאַשין. טוט ער אָבער אַלץ כאַפּנדיק. האָט זיך געטראָפן

מיט אים אַן אומגליק — ער האָט אין איילעניש פאַרטשעפעט דעם לינקן אַרבל פון וועסטל צו דער מאַשין. אַ גליק כאָטש, וואָס נישט די האַנט. וויי-וויי, וואָס מען האָט זיך אָנגעלאָכט פון אים!

פיניע גייט אַוועק אין אַן אַנדער פאַבריק און שטעלט זיך דאָרט פאַר אַ פרעסער, אַן אונטערפרעסער דערווייל. אַז ער וועט זיך אויסלערנען די אַרבעט, וועט ער גיין העכער און העכער. דערווייל ווערט נאָך פיניע גוט פאַרשוואַרצט און אַלץ איבער זיין טעווע, וואָס ער האָט ליב אַלץ צו טון כאַפנדיק. ער קומט אַלע טאָג אַהיים אַ צעבריטער.

איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ צעקאַליעטשעטער נאָז. וואָס איז די מייסע? ער האָט זיך ביים פרעסן אָפּגעבריט די נאָז. ווי קומט דאָס פרעסל צו זיין נאָז? לאָזט זיך אויס, אַז פיניע האָט גאָר געזוכט אַ שטיקל אַרבעט, האָט ער זיך אָנגעבויגן האַרט צום טיש און געטראָפן מיטן שפּיץ נאָז אויפן אָנגעגליטן פרעסל.

נאָר פיניע איז אַ מענטש, וואָס זאָרגט נישט. מיט דער צייט וועט ער זיך אויסלערנען און וועט גיין העכער און העכער.

פאַרשטייט די ווערטער:

טעווע — געוווינהייט, כאַראַקטער. צעקאַליעטשעט — פאַרוווּנדעט, צעשלאָגן. האַרט צום טיש — נאָענט צום טיש. גיין העכער און העכער — זיך בעסער אויסלערנען די אַרבעט.

פראַגעס:

וויאַזוי איז עליע געוואָרן אַ שניידער? פאַרוואָס איז פיניע געוואָרן אַ פרעסער און נישט קיין שניידער?

מילכאָמע און שאָלעם

אויף דעם גרויסן יאַריד אין דער כינעזישער שטאָט שטייט כאַנג-פּע דער נאַר און זעט, ווי טרופּן זעלנער, באַוואָפנטע מיט שווערדן און ביקסן לאָזן זיך אין וועג אַריין.

וווּנדערט זיך כאַנג-פּע און פרעגט:

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

ענטפערט אים דער אוילאָם:

— דאָס מאַרשירן די זעלנער אַוועק אין דער מילכאָמע.

פרעגט כאַנג-פּע ווייטער:

— וואָס טוט מען אין דער מילכאָמע?

זאָגט מען אים:

— אין דער מילכאָמע האַרגעט מען מענטשן. מען מאַכט אַ טעל פון פעלדער און וועלדער, פון פרוכטן און טוועס, מען פאַרברענט דערפער און שטעט, מען מאַכט כאָרעוו לענדער און פעלקער.

שאָקלט כאַנג-פּע מיט זיין זילבער-גרויען קאָפּ און צוויי גרויסע פּערל-טרערן קייקלען זיך אַראָפּ אויף זיינע באַקן און ער פרעגט:

— פאַרוואָס און צו וואָס טוט מען דאָס אַלץ?
ענטפערט דער אוילאָם:
— קעדיי צו מאַכן שאָלעם.
טראַכט ער און זיינע טיפע, פאַרכאָלעמטע אויגן קוקן
ווייט-ווייט און ער זאָגט:
— וואָלט נישט געווען לייכטער, אַז מען זאָל מאַכן
שאָלעם, איידער עס קומט צו סרייפעס און שלאַכטן?

פאַרשטייי די ווערטער:

אוילאָם — מאַסע. האַרגענען — טויטן. כאָרעוו מאַכן —
פאַרניכטן, אומברענגען. טוווע — קאָרן, ווייץ, גערשטן,
א.אַ.וו. מילכאָמע — קריג. אַ טעל מאַכן — צו נישט
מאַכן, פאַרניכטן. שאָלעם — פרידן.

אַ גוטע נאַכט

לאַנגע ווינטערדיקע נעכט,
ווייסע שטראַלנדיקע טעג,
כ'האָב איינגעשפּאַנט מיין פערד,
געלאָזן זיך אין ווייטן וועג.

היי און ברויט און ווייַן געקויפט,
איינגעניייט דאָס לעצטע געלט,
אָנגעטון זיך אין אַ פעלץ,
מויל און אויערן פאַרשטעלט.

נישט גערירט פון שטוב קיין זאַך,
טיר און לאָדן נישט פאַרמאַכט,
זיך אַ נייג געטון צום שוועל
און געזאָגט: אַ גוטע נאַכט.

איך	וועל	עסן
דו	וועסט	עסן
ער (זי)	וועט	עסן
מיר	וועלן	עסן
איר	וועט	עסן
זיי	וועלן	עסן

איך	וועל	שפּילן
דו	וועסט	שפּילן
ער (זי)	וועט	שפּילן
מיר	וועלן	שפּילן
איר	וועט	שפּילן
זיי	וועלן	שפּילן

שרייב אַריין וואָס עס פעלט:

איך וועל אַרבעטן

דו .... אַרבעטן

ער (זי) .... אַרבעטן

מיר .... אַרבעטן

איר .... אַרבעטן

זיי .... אַרבעטן

פאַרענדיק די זאַצן:

איך וועל קלינגען

דו ....

ער (זי) ....

מיר ....

איר ....

זיי ....

רעטעניש: וואָס קאָן הענגען און גיין

גיין און שטיין,

שטיין און ליגן,

און זאָגן אַ ליגן? (אַ זייגער)

דאָקטער בראָקטערס רעצעפּטן

מאַכט נישט אַ יינגעלע די לעקציעס, שעמט ער זיך צו מאָרגנס גיין אין שול אַריין. שטייט ער אויף אין דער פרי און קלערט: וואָס טוט מען? קומט אָן די מאַמע, זעט איר יינגעלע ,זיצט אין בעטעלע אַ פאַרטראַכטער, פרעגט זי:

— וואָס טוסטו זיך נישט אָן, יאַנקעלע?

פאַלט יאַנקעלען איין אַ געדאַנק און ער זאָגט:

— איך בין נישט געזונט.

— דער קאָפּ טוט דיר ווי?

— דער בויך און די פיס אויך.

די מאַמע טאַפּט יאַנקעלען דעם שטערן, קוקט אים אַריין אין די אויגן, אין העלדזל און זאָגט:

— פאַרפאַלן. מען וועט מוזן מיט דיר אַריינגיין צו אַ דאָקטער.

אַ דאָקטער איז אַ דאָקטער. יאַנקעלע האָט נישט מוירע. ער טראַכט זיך: וואָס וועט ער מיר טון, דער דאָקטער. — פאַרשרייבן ביטערע פּילן? מיילע, אַלץ בעסער, ווי גיין אין שול אַריין און דער לערער זאָל אים עפּעס פרעגן און ער זאָל נישט וויסן, וואָס צו ענטפערן.

אַז יאַנקעלע איז געקומען צום דאָקטער, האָט ער אים פריער גוט באַטראַכט, אַריינגעקוקט אין האַלז, אין די אויגן און גענומען דערנאָך אויספרעגן:

— וואָס טוט דיר ווי?

— דער קאָפּ.

— נישט מער, ווי דער קאָפּ?

— די נאָז, דער האַלז, דער בויך און די פיס אויך.

— אַלץ מיטאַמאָל?

— יאָ, אַלץ מיטאַמאָל.

רעדט ער נישט, דער דאָקטער, קיין וואָרט, נעמט און שרייבט עפּעס אָן אויף אַ פּאַפּירל און גיט עס דער מאַמען.

— אָט דאָ פאַרשרייב איך אייך צימש. גיט אים אַלע שאָ אַ ביסל צימש. נאָר געדענקט, וואָס מער צימש איז בעסער.

נעמט די מאַמע דאָס פּאַפּירל און גייט מיט דעם אין אַפּטייק. הייבט מען מיט די פּלייצעס.

— מיר האָבן נישט קיין צימש.

גייט זי אין אַ צווייטער, אין אַ דריטער און אין אַ פערטער אַפּטייק. וווּנדערט מען זיך:

— צימש? נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון אַזאַ רעצעפּט.

דערמאָנט זיך די מאַמע, אַז ערגעץ איז דאָ אַן אַלטער אַפּטייקער, אַ גרויסער ווייסער. פאָרט זי אַריבער צו אים און פרעגט אים:

— איר האָט עפּשער צימש?



קוקט ער זי אָן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רעצעפּט?!

ווייזט זי אים דאָס פּאַפּירל.

צעלאַכט ער זיך, דער אַלטער און זאָגט:

— אַהאַ! — אויב דאָס איז פון דאָקטער בראָקטער, ווייס איך שוין.

און ער הייסט דער מאַמען לייענען צימש פאַרקערט. אויף צוריק, הייסט עס.

די מאַמע איז געקומען צו לויפן אַ בייזע אַהיים און געוואָלט יאַנקעלען דערציילן, אַז דער דאָקטער האָט אים פאַרשריבן שמיץ. נאָר זי האָט אים שוין נישט געטראָפן. דאָס ייִנגעלע האָט זיך אַליין באַטראַכט און געכאַפּט די העפטן מיט די ביכלעך און אַנטלאָפן אין שול אַריין.

די צוועלף מאָנאַטן פון יאָר

יוני, יולי, אויגוסט —
דער זומער איז פאַרביי.
סעפּטעמבער, אָקטאָבער, נאָוועמבער —
נאָך האַרבסט פאַלט באַלד אַ שניי.
דעצעמבער, יאַנואַר, פעברואַר —
ווינטער — פראָסט און קעלט.
מערץ, אַפּריל, מאַי —
פרילינג גרינט אויף דער וועלט.

דער פילאָזאָף און דער פויער

אַן אַלטער געלערנטער, אַ פילאָזאָף האָט געדאַרפט אַמאָל אַריבערשווימען אַ טייך. האָט ער געדונגען אַ פויער מיט אַ זעגל-שיפל.

דער טאָג איז געווען שיין, דער הימל לויטער און דער טייך בלוי. וואָס-זשע האָט דער פילאָזאָף מורא? גאָרנישט.

פאָרן אַזוי דער פילאָזאָף און דער פויער אויפן שיפל. און דאָס שיפל גליטשט זיך שטיל, אַ מעכאַיע. דער פילאָזאָף קוקט אויפן הימל און דער פויער — אין וואַסער.

מאַכט דער פילאָזאָף צום פויער:

— פילאָזאָפיע קענסטו?

דער פויער האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. זאָגט ער איינפאַך: ניין.

— אויב דו קענסט נישט, פויערל, קיין פילאָזאָפיע, —

מאַכט דער פילאָזאָף — האָסטו אַ העלפט פון דיין לעבן פאַרלוירן. אַ שאָד!

— און מאַטעמאַטיק ווייסטו אויך נישט?

— ניין, — זאָגט דאָס פויערל פאַרשעמט.

— איי, איי, — זאָגט דער פילאָזאָף — און געשיכטע מיס-טאָמע קענסטו אויך נישט — האָסטו דריי פערטל פון דיין לעבן, ברודערל, פאַרלוירן.

דערווייל האָט דער הימל גענומען זיך איינוויקלען אין וואָלקנס און די זון האָט זיך ווו באַהאַלטן. ס'איז געוואָרן פינצטערער און פינצטערער. אַ שטאַרקער ווינט האָט גע-נומען יאָגן פון יענער זייט. ווו די זון איז אונטערגעגאַנגען. דאָס שיפל איז געשפּרונגען פון איין כוואַליע אויף דער צווייטער. אָט וועט דער ווינט עס איבערקערן.

דער פילאָזאָף איז געזעסן און האָט זיך אָנגעהאַלטן ביים מאַנטל פונעם פויער און האָט שטיל געמורמלט אַ טפילע.

— שווימען קענט איר? — האָט איינפאַך געפרעגט דער פויער דעם פילאָזאָף.

— ניין, — ענטפערט דער געלערנטער דערשראָקן.

— האָט איר דאָס גאַנצע לעבן פאַרלוירן, הער פילאָזאָף, — האָט רויק געענטפערט דער פויער.

פאַרשטיי די ווערטער:

מעכאַיע — פאַרגעניגן. כוואַליע — אַ שיכט וואַסער, אַ וואַל.
מיסטאָמע — געוויס. אַ טפילע — אַ געבעט.

דער ייִנגסטער קעמפער

אַכט יאָר איז מייער דאַווידאָוויטש אַלט געווען, ווען די דייטשן זענען אַריין אין וואַרשע. איבער דריי יאָר צייט האָט מייער געטון אַלץ, וואָס איז נאָר געווען מעגלעך, צו דערהאַלטן ביים לעבן זיינע טאַטע-מאַמע, די שוועסטערלעך און זיך אַליין. אין פינצטערע נעכט האָט ער זיך געגאַנוועט צום געטאָ-טויער און פלינק, ווי אַ מייזעלע איז ער אַוועק פון געטאָ זוכן שפייז.

מייער האָט די גאַנצע צייט נישט נאָר געזאָרגט פאַר דער אייגענער פאַמיליע. ער האָט אויך געזאָרגט פאַרן לערער. נאַטאַן סמאָלאַר איז געווען זיין לערער. דער לערער סמאָלאַר איז געווען אַ גוטער און האָט שטענדיק געשמייכלט. ווען די שולן אין געטאָ זענען פאַרמאַכט געוואָרן, האָט דער לערער אַריבערגעפירט די שול אין אַ קעלער. מייער איז געשטאַנען אין דרויסן און האָט געהיטן. אַן אַנדערש מאָל איז געשטאַנען אויף דער וואַך די שילערין טויבע און מייער איז געזעסן אין קעלער איבערן ביכל. ווען אַ פּאָליציאַנט האָט זיך פאַרן טויער באַוויזן עטלעכע מאָל, האָט דער לערער סמאָלאַר אַריבערגעטראָגן די שול אין אַן אַנדערן קעלער.

מייער איז געבליבן אָן טאַטע-מאַמע. ער איז געווען מיטן לערער סמאָלאַר.

איינמאָל האָבן די קינדער לאַנג געוואַרט אויפן לערער. ער איז געקומען עפּעס אַן אַנדערער, ווי אַלע מאָל. אָנשטאָט אַ ביכל האָט ער פון קעשענע אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער. ער האָט די קינדער דערקלערט:

— פון היינט אָן וועלן מיר לערנען אָט דאָס!

דערנאָך האָט דער לערער געהייסן זוכן שאַכטעלעך פון קאָנסערוון. מען האָט אין זיי אַריינגעשאָטן אויפרייס-מאַטעריאַל און פון די שאַכטעלעך זענען געוואָרן באָמבעס. די קינדער האָבן

געזוכט פלעשער, געהאָלפן אין זיי גיסן בענזין און אַוועקגעטראָגן אויף באַשטימטע ערטער.

מייער איז פון לערער נישט אָפּגעטראָטן ביז דער לעצטער מינוט. ווען דער לערער איז געשטאַנען אויף דער באַריקאַדע און האָט געוואָרפן אין די דייטשישע טאַנקן גראַנאַטן און פלעשער מיט בענזין, האָט מייער אים געהאָלפן. ער האָט דערלאַנגט די פלעשער מיט בענזין. אַז מען האָט געדאַרפט, איז מייער געלאָפן איבער דער גאַס אַן איינגעבויגענער צו דער צווייטער באַריקאַדע און איבערגעגעבן, וואָס מען האָט געהייסן.

דער לערער סמאָלאַר איז געפאַלן אונטער אַ באַריקאַדע. די געטאָ איז געשטאַנען אין פלאַמען. פון אויבן האָבן די אַוויאָנען געוואָרפן באָמבעס אויף דער געטאָ.

צוויי דייטשן האָבן זיך געיאָגט נאָך מייערן. ער איז אַריין אין אַ טויער. די צוויי דייטשן זענען אים נאָכגעלאָפן. ער איז אַרויפגע-לאָפן אויף די טרעפּ און ער האָט געהערט זייער זידלעריי הינטער זיך. ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן בוידעם. ער איז אַרויפגע-פאַלן אויף אַ טויטן קעמפער. לעבן אים איז געלעגן אַ מאַשין-געווער. מייער האָט אויסגעדרייט צו די טרעפּ די מאַשין און אָנגעהויבן שיסן. די צוויי דייטשן זענען דערהאַרגעט געוואָרן און אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ.

אין דער זעלבער מינוט האָט זיך דאָס גאַנצע הויז געגעבן אַ טרייסל. אַ שווערע באָמבע האָט איינגעלייגט דאָס הויז. אונטער אַ באַרג ציגל איז געבליבן ליגן מייער דאַווידאָוויטש, דער ייִנגסטער קעמפער אין דעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ.

פאַרטײַטשט די ווערטער:

שפּייז — עסנוואַרג; לעבנסמיטל.
אויפרייס-מאַטעריאַל — פּולווער; מאַטעריאַל, וואָס ברענט.
זידלעריי — שילטן; באַליידיקן.
אַ טרייסל — אַ וואַקל; אַ שאָקל.

יוגנט - מאַרש

אַ יאָנטעוו מאַכט אויף אַלע מערק,
און פייערן צינדט אָן אויף בערג!
מיר קומען — שטורעמס אָן אַ צאָם,
פון לאַנד צו לאַנד, פון יאַם צו יאַם.

מיר קומען אָן!
מיר קומען אָן!

און פעסט און זיכער אונזער טראָט!
מיר קומען אָן פון דאָרף און שטאָט,
מיט הונגער-פייערן אין בליק,
מיט הערצער אויסגעבענקט נאָך גליק.

מיר קומען אָן!
מיר קומען אָן!

מיר גייען אַלע פעסט און גרייט,
ווי ליכטיק פלאַקערט אונזער פרייד!
מיר שלאָגן פייער אויס פון שטיין,
און ווער ס'איז יונג, מוז מיט אונז גיין!

מיר קומען אָן!
מיר קומען אָן!

און פעסט און זיכער אונזער טראָט!
מיר קומען אָן פון דאָרף און שטאָט,
מיט הונגער-פייערן אין בליק,
מיט הערצער אויסגעבענקט נאָך גליק.

מיר קומען אָן!
מיר קומען אָן!

איך בין אַ ייִנגל — איך בין אַ שילער
איך בין אַ מיידל — איך בין אַ שילערין
איך בין אַ מאַן — איך בין אַ שניידער
איך בין אַ פֿרוי — איך בין אַ שניידערין

שטעל אַריין וואָס עס פֿעלט:

איך בין אַ ייִנגל — בין איך אַ שטיפֿער

איך בין אַ מיידל — בין איך ....

איך בין אַ מאַן — בין איך אַ גערטנער

איך בין אַ פֿרוי — בין איך ....

איך בין אַ מאַן — בין איך אַ דאָקטער

איך בין אַ פֿרוי — בין איך ....

איך בין אַ ייִנגל — בין איך אַ נאַשער

איך בין אַ מיידל — בין איך ....

דער שילער — די שילערין

דער שניידער — די..............................

דער לערער — די..............................

דער אַרבעטער — די..............................

רעטעניש:

זענען זיך פֿינף ייִנגעלעך צעגאַנגען אין די ווינקעלעך.
יעדער ייִנגעלע אין זיין ווינקעלע. (אַ האַנט אין אַ הענטשקע)

מיר איז גוט - איך בין אַ יאָסעם

אונזער שכיינע פּעסע די גראָבע האָט זיך אין מיר פאַרליבט. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דער מאַמען, אַז איך זאָל דערווייל זיין ביי איר, ביי פּעסען הייסט עס. „וואָס וועט איך אָרן? — האָט זי געזאָגט: — עס גייען ביי מיר צום טיש צוועלף, וועט זיין אַ דרייצנ־טער". די מאַמע וויל שוין. האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט מיין ברודער עליע: ווער וועט אויף אים אַכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קאַדיש? „איך וועל אַכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קאַדיש. נו, שוין? האָט איר צו מיר גאָרנישט?"

פּעסע איז נישט קיין רייכע. איר מאַן איז אַן איינבינדער און הייסט מוישע. ער האָט אַ נאָמען פאַרן בעסטן איינבינדער. דאָס אַליין איז אָבער ווייניק. מען דאַרף נאָך האָבן מאַזל אויך. אַזוי זאָגט פּעסע צו מיין מאַמען. מיין מאַמע גיט איר נאָך. זי זאָגט, אַז צום שלימאַזל דאַרף מען אויך האָבן מאַזל. פאַר אַ סימען נעמט זי מיך. אָט בין איך אַ יאָסעם און אַלע ווילן מיך. פאַראַן מענטשן, וואָס ווילן מיך צו זיך אויף שטענדיק. נאָר ווילאַנג קרענקען אירע סאָנים. ווי־לאַנג זי וועט מיך אַוועקגעבן אויף שטענדיק! אַזוי זאָגט די מאַמע און וויינט. זי האַלט זיך אַן אייצע מיט מיין ברודער עליע. מיין ברודער זאָגט, אַז איך זאָל נאָר נישט זיין קיין שייגעץ, וועל איך זיין ביי פּעסען. און עס בלייבט, אַז איך וועל זיין דערווייל ביי אונזער שכיינע פּעסע, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז איך זאָל נישט זיין קיין שייגעץ. אַלצדינג הייסט ביי זיי אַ שייגעץ! אָנהענגען דער קאַץ אַ פּאַפּיר אויפן עק, זי זאָל זיך דרייען— הייסט ביי זיי אַ שייגעץ.

קלאַפּן מיט אַ שטעקל איבער די גראַטעס פֿון גאַלעכס הויף, אַלע הינט זאָלן זיך צענויפלויפן — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ. אָפּשטעקן ביי לייבקע דעם וואַסער-פֿירער דעם צאַפּן פֿון דער פּאַס, עס זאָל אויסלויפן האַלב וואַסער — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ. — „דיין גליק, וואָס דו ביסט אַ יאָסעם! — זאָגט צו מיר לייבקע דער וואַסער-פֿירער, אַנישט וואָלט איך דיר איבערגעבראָכן אַ האַנט מיט אַ פֿוס, דו קאָנסט מיר גלויבן אויפֿן וואָרט!“. איך גלויב אים אויפֿן וואָרט, איך וויים, אַז איצט וועט ער מיך נישט אָנרירן, ווייל איך בין אַ יאָסעם.

מיר איז גוט — איך בין אַ יאָסעם.

מוישע גיך

א.

פאַראַן ביי אונז אין שול אַ ייִנגל מוישע, רופט מען אים נישט גלאַט מוישע, נאָר: מוישע גיך, מוישע ווינט, מוישע עקספּרעס.

פאַרוואָס? ווייל ער איילט זיך און לויפט שטענדיק אַרום פאַר-יאָגט און האָט קיינמאָל נישט קיין צייט.

מוישע איז צען יאָר אַלט, אָבער ער זעט אויס נישט מער ווי זיבן. פאַרוואָס? ווייל ער וואַקסט נישט.

פרעגט מען אים:

— מוישע, דו וואַקסט דאָך גאָרנישט?

— איך האָב נישט קיין צייט — זאָגט ער.

מוישע גיך האָט אַ שוועסטער סאָרע, איז זי עלטער פון אים מיט צוויי יאָר, און אַז ער קריגט זיך מיט איר, זאָגט ער איר אַלע מאָל:

— וועסט זען, אַז איך וועל זיך געבן אַן אייל צו, וועל איך זיין דער עלטערער און דו די ייִנגערע...

— וויאַזוי?

— איך הייס מוישע גיך, איך קאָן אין איין יאָר אָניאָגן דריי.

ב.

מוישע איז טאַקע אַ גיכער, מוישע איז טאַקע אַ ווינט; ער רעדט גיך, עסט גיך, לייענט גיך, שלאָפט גיך.

איינמאָל שטייט מוישע אויף זייער פרי. פרעגט מען אים:

— וואָס אַזוי פרי?

—איך איל זיך, איך וויל נישט פאַרשפּעטיקן אין שול.

מוישע טוט זיך אָן גיך-גיך און פאַרבייט די שיך. טוט אָן דעם רעכטן שוך אויפן לינקן פוס, דעם לינקן שוך אויפן רעכטן פוס, דאָס רעקל אויף דער לינקער זייט.

— מוישע — זאָגט די מאַמע — זע נאָר וויאַזוי דו האָסט אָנגעטון די שיך.

— לאַז שוין זיין היינט אַזוי — זאָגט ער — איך אייל זיך . . .
פאַרשטייט זיך, אַז די מאַמע לאָזט אים נישט אָפּ און ער מוז איבערבייטן די שיך און איבערדרייען דאָס רעקל. בייזערט ער זיך און שרייט:
— כ'וועל שוין היינט פאַרשפּעטיקן אין שול . . .
מיטן וואַשן איז ווידער דאָס זעלבע: מוישע טוט אַ נעץ איין באַק און זאָגט:
— שוין אָפּגעוואַשן.
— ווען וועסטו וואַשן די אַנדערע באַק? — פרעגט אים די מאַמע.
— שפּעטער. איך האָב קיין צייט נישט . . .
מוישע מוז זיך גוט אַרומוואַשן און אויך זיך ריי‌ניקן די ציין, אָפּפּוצן די קליידער, די שיך און ער איילט זיך און זאָגט:
— מאַמע, עפּשער וועט זיין גענוג אָפּצופּוצן דערווייל איין שוך?
— און מיטן צווייטן וואָס וועט זיין?
— דעם צווייטן וועל איך אָפּפּוצן מאָרגן.
די מאַמע לאַכט.
— מאָרגן וועסטו פּוצן נאָכאַמאָל . . .

ג.

פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס און פּונקט דאַן, ווען מוישע שטייט אויף פרי, פאַרשפּעטיקט ער ערשט אין שול. ער קומט אין שול אַריין אין מיטן דער לעקציע און ווען דער לערער פרעגט אים, פאַרוואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט, ענטפערט ער:
— כ'האָב זיך געאיילט . . .
— אַז דו האָסט זיך געאיילט, האָסטו דאָך געדאַרפט קומען פריער ווי אַלע?
מוישע שווייגט. מוישע שעמט זיך צו דערציילן, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, און אַלע קינדער לאַכן פון אים.
— מוישע גיך קומט דער לעצטער . . .
— מוישע עקספּרעס פאַרשפּעטיקט זיך . . .
— מוישע ווינט איז קיינמאָל נישטאָ צו דער צייט.

ד.

אין שטוב האָט אויך די מאַמע פון אים גרויסע צאָרעס. איינמאָל זאָגט זי אים:

— מוישע, גיי ברענג מיר פון שפּייז־קרעמל דריי פונט צוקער.

הערט נישט מוישע מער, ווי דאָס ערשטע וואָרט, כאַפּט די פיס אין די הענט אַריין און לויפט.

די מאַמע שרייט אים נאָך:

— מוישע! מוישע ווינט!

אָבער מוישע איז שוין נישטאָ. מוישע איז שוין אויף דער גאַס. גייט נישט דורך קיין צוויי מינוט און ער איז דאָ צוריק:

— מאַמע, נאָך וואָס האָסטו מיך געשיקט?

— כ'האָב דיך געשיקט נאָך צוקער...

די מאַמע וויל אים זאָגן וויפיל צוקער, אָבער מוישע איז שוין ווידער נישטאָ. מוישע פליט שוין, ווי אַן עקספּרעס איבער דער גאַס און דרייט מיט די הענט, ווי אַ ווינטמיל. אים דוכט זיך, אַז ער איז אַ לאָקאָמאָטיוו און פליט איבער פעלדער און וועלדער און מאַכט:

— טראַטאַטאַ, טראַטאַטאַ!

אַוואַדע גייט נישט פאַרביי קיין מינוט און מוישע איז דאָ צוריק מיטן ליידיקן:

— וויפיל פונט צוקער?

ה.

די מאַמע איז בייז:

— עס איז דאָך נישט אויסצוהאַלטן מיט דיר! וואָס ביסטו גע־לאָפן? גיי ברענג דריי פונט צוקער...

איידער די מאַמע פאַרענדיקט די רייד, איז שוין מוישע אויף דער גאַס, און ער לויפט און ער כאַזערט זיך:

— דריי פונט צוקער! דריי פונט צוקער!

אין אַ סעקונדע אַרום — ער איז ווידער דאָ צוריק...

— און געלט?

— נאַ דיר הונדערט פראַנק און ברענג...

מוישע כאַפּט די הונדערט פראַנק און לויפט אַרויס און די מאַמע שרייט אים נאָך:

— מוישע! מוישע!

אָבער מוישע איז שוין ווידער אויף דער גאַס.

אין א פּאָר סעקונדעס אַרום, מוישע איז שוין ווידער דאָ.

— וואָסער צוקער? שטיקלעך, צי געמאָלענעם?

די מאַמע זעט, אַז זי וועט שוין פון דעם באָכער נישט אַרויסקריכן, כאַפּט זי אים אָן, האַלט אים צו פעסט און זאָגט:

— ברענג מיר דריי פונט געמאָלענעם צוקער פאַר דרייסיק פראַנק, גיב די הונדערט פראַנק און נעם זיבעציק פראַנק רעשט. פאַרשטאַנען?

—יאָ — זאָגט מוישע און וויל שוין לויפן, אָבער די מאַמע האַלט אים פעסט.

— זאָג מיר איבער, וואָס איך האָב דיך געהייסן קויפן!

— האָסט מיך געהייסן קויפן הונדערט פראַנק פאַר זיבעציק פראַנק און נעמען דריי פונט געמאָלענעם צוקער אַ רעשט . . .

— מוישע גיך! מוישע ווינט! — זאָגט די מאַמע — דריי פונט געמאָלענעם צוקער פאַר דרייסיק פראַנק און זיבעציק פראַנק רעשט.

— קויפן דרייסיק געמאָלענע פראַנק פאַר הונדערט און נעמען זיבעציק פונט צוקער רעשט — זאָגט מוישע.

די מאַמע זעט, אַז זי וועט שוין מיט מוישען גאָרנישט מאַכן, לאָזט זי אים צורו און גייט אַליין אין קרעמל אַריין.

אָט אַזאַ מענטש איז מוישע גיך.



ווי אַלט בין איך?

איך בין 53 יאָר אַלט. אָבער צווישן אונז זאָל עס בלייבן — און דערציילט נישט קיינעם דעם סאָד — איך בין אין דער עמעסן אַסאַך יינגער. אין דער עמעסן בין איך 25 יאָר אַלט, ווייל מיט 28 יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן אַ נייַ לעבן פאַר אַלע פעלקער אין מיין לאַנד. פון דעם, פאַרשטייט איר אַליין, אַז כ׳בין בלויז 25 יאָר אַלט.

איך געדענק, מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, איז ביי אונז אין לאַנד געווען אַ צאַר. וואָס איז געווען אַ בייזער האַר איבערן גאַנצן לאַנד. דאָס לעבן אין אונזער לאַנד איז דעמאָלט געווען פינצטער און שווער, ווייל דער צאַר איז געווען אַ בייזער. ער האָט פאַרביטערט דאָס לעבן פון אַלע מענטשן און פון אַלע פעלקער. אַסאַך פון אונז האָט ער גע-פייניקט, ווייל דער צאַר האָט פיינט געהאַט די מענטשן און האָט פאַר זיי מורע געהאַט און האָט זיי אונטערדריקט.

ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, האָב איך געהאַט אַ כאָלעם. מיין כאָלעם איז געווען צו ווערן אַן אַקטיאָר. אָבער אונטער דעם צאַר איז דאָס נישט מעגלעך געווען, ווייל דער צאַר האָט נישט דערלויבט קיין טעאַטער אין מיין שפּראַך — אין יידיש. און דער צאַר איז געווען דער באַלעבאָס פון גאַנצן לאַנד.

אָבער אין 1917 איז דאָס פאָלק פון מיין לאַנד אויפגעשטאַנען, און איז אַליין געוואָרן דער באַלעבאָס פון לאַנד. ערשט דעמאָלט איז מיין כאָלעם געוואָרן וואָר. אין 1919, אויפן דרייסיקסטן יאָר פון מיין לעבן, איז דער כאָלעם פון מיינע קינדער-יאָרן פאַרווירקלעכט גע-וואָרן. דעמאָלט בין איך פונקט, ווי אַלע אַנדערע מענטשן אין מיין לאַנד, געוואָרן דער באַלעבאָס איבער מיין לעבן און איבער מיין איי-

גענעם כאָלעם. — איך בין געוואָרן אַ יידישער אַקטיאָר. זאָגט-זשע איר אַליין, בין איך דען נישט גערעכט, ווען איך זאָג, אַז איך בין בלויז 25 יאָר אַלט!

פאַרשטייט די ווערטער:

צאַר — דער קייסער פון רוסלאַנד.
אויפגעשטאַנען — געמאַכט אַן אויפשטאַנד, זיך רעוואָלטירט.
אַ כאָלעם — אַ טרוים, אַ באַגער, אַ ווונטש.

אַ בעלעמער וויץ:

יעקעלע: — טאַטע, איך וויל דיר עפעס פרעגן?
טאַטע: — נו, פרעג, מיין קינד.
יעקעלע: — אַז אַ מענטש שטאַרבט, איז דאָס שוין אויפן גאַנצן לעבן?

●

די מאַמע

אַ ייגנעלע האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט. ער האָט געוויינט און געזוכט זיין מאַמען.

— ווער איז דיין מאַמע? — האָבן אים די מענטשן געפרעגט.

דאָס קינד האָט געענטפערט:

— איך קען נישט מיין מאַמען? מיין מאַמע איז דאָך די בעסטע פון אַלע.

דער לאָמפּן-צינדער



ווען עס קומט דער לאָמפּן-צינדער,
צינדט אין גאַס אָן די לאָמטערן,
לויפן נאָך אים אַלע קינדער
און זיי שרייען: לאָמפּן-צינדער,
האָסט פאַרגעסן, וואָס צו טון,
ווען מען צינדט די לאָמפּן אָן,
צינדט מען אָן פאַריינס די שטערן.

מיט אַ שמייכל צו די קינדער
בלייבט דער לאָמפּן-צינדער שטיין,
און ער רעדט צו אַלע קינדער:
איך בין דאָך אַ לאָמפּן-צינדער,
איך וואָלט גערן, זייער גערן
אָנגעצונדן אַלע שטערן,
נאָר מיין שטעקן איז צו קליין.

●

פאַרשטייט דאָס וואָרט:

פאַריינס — גלייכצייטיק, אין דער זעלבער צייט.

דער בעלעמער קייסער
און די גאָלדענע שיך

אין בעלעם איז אַמאָל געווען אַ קייסער. האָט דער קייסער געטראָגן איינפאַכע שיך, ווי אַלע אַנדערע מענטשן. האָבן די מענטשן גאָרנישט דערקענט, אַז ער איז אַ קייסער.

די בעלעמער האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דער קייסער גייט אין גאַס און קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום. דאַרף מען עפּעס צו-טראַכטן, אַז מען זאָל דעם קייסער זען.

האָבן די בעלעמער געטראַכט און געטראַכט און באַשלאָסן, אַז דער קייסער זאָל טראָגן אַ פּאָר גאָלדענע שיך, וועט מען אים גלייך דערקע-נען, אַז ער איז דער קייסער.

און דער קייסער האָט זיך באַוויזן מיט אַ פּאָר גאָלדענע שיך. האָט אָבער אין בעלעם אָנגעהויבן שטאַרק צו רעגענען און עס איז געוואָרן אַ גרויסע בלאָטע. האָט די בלאָטע פאַרשמירט דעם קייסערס שיך און מען האָט ווידער נישט דערקענט, אַז דאָס איז דער קייסער.

האָבן די בעלעמער ווידער געטראַכט און געטראַכט אַ טאָג מיט אַ נאַכט און האָבן באַשלאָסן, אַז די גאָלדענע שיך מוז דער קייסער טראָגן, אָבער ער מוז אויף די גאָלדענע שיך אָנטון נאָך אַ פּאָר איינפאַכע שיך, נאָר מיט לעכער פון פאָרנט. וועט מען דערקענען, אַז דער קיי-סער טראָגט גאָלדענע שיך.

האָט דער קייסער פריער אָנגעטון די גאָלדענע שיך און דערנאָך האָט ער אָנגעטון די פּראָסטע שיך מיט די גרויסע לעכער. איז אָבער די בלאָטע געווען אַזוי גרויס, און דורכגעקראָכן דורך די לעכער צום גאָלד. זענען די גאָלדענע שיך ווידער געווען פאַרשמירט און מען האָט נישט געוווּסט, ווער עס איז דער קייסער.

האָבן זיך די בעלעמער ווידער באַקלאָגט און באַשלאָסן, אַז מען זאָל פאַרשטאָפּן די לעכער מיט שטרוי.

האָט דאָס שטרוי פֿאַרשטעלט דאָס גאָלד און מ׳האָט דעם קייסער נישט דערקענט.

האָבן די כעלעמער אויסגעקלערט אַזאַ פּלאַן:

דער קייסער וועט טראָגן די גאָלדענע שיך אין די הענט, וועט זיי די בלאָטע נישט אויסשמירן. אַזוי אַרום וועלן אַלע וויסן, אַז דאָס איז דער קייסער.

די לעדערנע שיך מיט די גרויסע לעכער, פֿאַרשטאָפּט מיט שטרוי, האָט דער קייסער געטראָגן אויף די פֿיס.

דער קייסער האָט געטראָגן די גאָלדענע שיך אין די הענט און אַלע האָבן געזען, אַז דאָס איז דער קייסער.

די עמעסע מאַמע

אַמאָל, אין שלוימע האַמעלעכס צייטן האָבן געוווינט, אין איין שטוב צוויי פֿרויען.

ביידע האָבן זיי געהאַט קימפּעט-קינדער פֿון איין עלטער. איינמאָל ביינאַכט האָט איינע פֿון די ביידע מאַמעס, שלאָפֿנדיק דערשטיקט איר קינד. אַז זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און דערזען, אַז איר קינד איז טויט, האָט זי עס שטילערהייט אַוועקגעלייגט צו דער צווייטער מאַמען און האָט גענומען דאָס לעבעדיקע קינד צו זיך.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָט די אַנדערע פֿרוי זיך אויפֿגעכאַפּט

און געוואַלט אָנזייגן דאָס קינד. אָבער דאָ האָט זי דערזען, אַז לעבן איר ליגט אַ פּרעמד, טויט קינד. זי האָט איר לעבעדיק קינד געפֿונען ביי דער צווייטער פרוי אין בעט.

— גיב מיר אָפּ מיין לעבעדיק קינד און נעם דיר צו דיין טויט קינד — האָט זי געפֿאָדערט.

יענע האָט אָבער אַלץ אָפּגעלייקנט. דאָס לעבעדיקע קינד איז מיינס.

לאַנג האָבן די פרויען זיך געקריגט און צום סאָף זענען זיי אַוועק צו שלוימע האַמעלעך, דעם קליגסטן פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט.

שלוימע האַמעלעך האָט אויסגעהערט דיביידע פרויען און האָט געזאָגט:

אַזוי ווי עס איז אומעגלעך צו דערגיין דעם עמעס, צו וועמען עס געהערט דאָס לעבעדיקע און צו וועמען דאָס טויטע קינד, זאָל מען דאָס לעבעדיקע קינד צעשניידן אויף העלפט און צעטיילן צווישן ביידע מאַמעס.

— נעם די שווערד און צעשנייד דאָס קינד — האָט שלוימע געזאָגט צו אַ זעלנער פון זיין וואַך.

— גוט, זאָל זיין נישט מיר, נישט איר, האָט אויסגעשריען די פאַלשע מאַמע מיט פרייד.

— ניין, ניין, זאָל שוין בעסער דאָס קינד בלייבן ביי איר, נאָר מען זאָל עס נישט טויטן, האָט מיט געוויין גענומען בעטן די עמעסע מאַמע, און האָט זיך געוואָרפן צו שלוימעס פיס, ברעכנדיק די הענט.

— אָט איז די עמעסע מאַמע, ווייל ביי איר איז דאָס קינד טייער, האָט שלוימע געזאָגט און האָט אָנגעוויזן אויף דער פרוי, וואָס האָט געוויינט.

— גיט איר אָפּ דאָס קינד!

אַזוי האָט שלוימע האַמעלעך באַוויזן, ווער די עמעסע מאַמע איז.

רויטע בלומען פאַר דער מאַמען

דאָס יאָר האָט זשאַק נישט געקאָנט אָפּשפּאָרן קיין געלט צו קויפן אַ מאַטאָנע פאַר דער מאַמען אויפן „מאַמע־יאָנטעוו״. אַמאָל, ווען דער טאַטע האָט געאַרבעט, פלעגט ער פון דער מאַמעס אַלע מאָל באַקומען אַביסל געלט. האָט ער געקליבן אַ פראַנק צו אַ פראַנק. דעמאָלט האָט זשאַק עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד גע־קלערט, וואָס ער זאָל קויפן דער מאַמען.

דער „מאַמע־יאָנטעוו״ איז אָנגעקומען. זשאַק האָט געוואָלט צוגיין צו דער מאַמען און איר זאָגן:

— מאַמע, איך האָב היינט נישט קיין מאַטאָנע, אָבער אַז איך וועל אויסוואַקסן...

ער האָט עס אָבער נישט געטון. ער האָט די ווערטער נישט געקאָנט אַרויסרעדן. איז ער אַן אומעטיקער אַוועק אין פּאַרק.

אַ מידער האָט ער זיך געזעצט אויף אַ באַנק. ער האָט גע־קוקט מיט אומעטיקע אויגן אויפן גרויסן פּלאַץ, וואָס איז געווען פאַרפלאַנצט מיט רויטע בלומען.

דער וועכטער פון פּאַרק איז איניקע מאָל פאַרבייגעגאַנגען זיין באַנק. ווען ער האָט געענדיקט זיין אַרבעט, האָט דער וועכ־טער זיך געזעצט אויף דער זעלבער באַנק, וווּ זשאַק איז געזעסן.

— וואָס זיצסטו דאָ איינער אַליין? היינט איז דאָך דער „מאַמע-יאָנטעוו". האָסט נישט קיין מאַמען?

דעם וועכטערס פראַגע האָט זשאַקן איבערגעשראָקן. שנעל האָט ער אים געענטפערט:

— איך האָב אַ מאַמען.

— האָסטו איר שוין געגעבן אַ מאַטאָנע צום „מאַמע-יאָנטעוו"?

— ניין. איך האָב נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן.

דער אַלטער וועכטער האָט אַ ווײַלע געטראַכט:

— זאָל איך דיר געבן שיינע בלומען פאַר דיין מאַמען?

זשאַק עפנט ברייט זיינע בלויע אויגן. דאַכט זיך, אַז דער אַלטער לאַכט פון אים.

— יאָ, איך קאָן דיר געבן זייער שיינע בלומען.

— איך וואָלט געווען גליקלעך — זאָגט זשאַק.

דער אַלטער וועכטער פלעגט זיך יאָגן נאָך יעדן קינד, וואָס האָט אַמאָל געטון אַ טראָט אויפן גראָז, און איצט איז ער געווען גרייט צו געבן זשאַקן בלומען אויפן „מאַמע-יאָנטעוו".

זשאַק קוקט פון וויטן, ווי דער וועכטער שניידט בלום נאָך בלום.

דער וועכטער קומט צו צו זשאַקן. אין האַנט האַלט ער אַ גרויסן בוקעט רויטע בלומען.

— דו ביסט אַ גוט יינגל. גיי אַהיים און גיב די בלומען דיין מאַמען.

זשאַק איז שנעל געלאָפן אַהיים:

— מאַמע, דאָס איז פאַר דיר אויף דעם „מאַמע-יאָנטעוו". דער וועכטער פון פאַרק האָט מיר געגעבן.

— די שענסטע מאַטאָנע! — האָט די מאַמע געזאָגט.

זי האָט אַריינגעשטעלט די בלומען אין אַ גרויסער וואַזע.

זשאַקס אויגן האָבן געשטראַלט פאַר פרייד.

דער מאַמעס טרער

ווי געגאַנגען זענען מיר דורך סאַמאַרקאַנד,
צו דעם צוג, וואָס וועט אין שלאַכט אונז פירן,
זענען מאַמעס, מאַמעס נאָכגאַנגאַנד,
אַרויסגעגאַנגען פון טויערס און פון טירן.

אַ קליינע מאַמעשי, אויף מיינער אַזוי ענלעך,
האָט אויפן טראָטואַר אַרויסגעבראַכט,
אַ גרויסן עמער וואַסער מיט צוויי קענדלעך,
פאַר די זין אירע, וואָס גייען אויף דער שלאַכט.

ס'איז אין עמער שטיל איר טרער געפאַלן,
און געזען האָב איך (נישט איך אַליין):
ס'איז דאָס וואַסער גלייך געוואָרן מאָדנע שטראַליק,
אַזוי וווּנדערלעך און זויבער ריין.

וועט מיר פאַר די אויגן שטענדיק לויכטן,
אָט די קלאָרע וווּנדערלעכע טרער.
ביז עס וועט די גאַנצע ערד נישט ווערן
ריין און ערלעך, ווי אַ מאַמעס טרער.

סאַמאַרקאַנד — אַ שטאָט אין אוזבעקיסטאַן (סאָוועטנפאַרבאַנד).

די שוועסטער פֿון די אָרעמע

צען יאָר איז זי אַלט געווען און אויסגעזען אַזוי מאָגער, אַזוי שוואַך, אַז עס איז געווען אַ ראַכמאָנעס צו קוקן אויף דעם אָרעמען מיידעלע, ווי זי אַרבעט שוין אויפֿן פֿעלד, ווי אַ גרויסע. זי האָט געהאַט גרויסע וואונדער-אויגן. איר שמייכל איז געווען טרויעריק, אַזוי ווי ביי מענטשן, וואָס ליידן און באַקלאָגן זיך קיינמאָל נישט. די רייכע גוטבאַזיצער, וואָס האָבן זי באַגעגנט אין אָוונט ביים אַרויסגאַנג פֿון וואַלד שלעכט געקליידט, און מיט אַ שווערע מאַסע אויף זיך, האָבן איר געשענקט געלט אויף צו קויפֿן אַ קליידל. ווען דער קאָרן איז גוט פֿאַרקויפֿט געוואָרן.זי פֿלעגט דעמאָלט ענטפֿערן: „איך ווייס, לעבן קלויסטער שטייט אַן אַלטער אָרעמאַן, וואָס פֿאַרמאָגט נישט מער, ווי איין רעקל אין די גרויסע פֿרעסט פֿון דעצעמבער; קויפֿט אים אַ רעקל פֿון טוך און מיר וועט זיין וואַרעם, ווען איך וועל אים זען מאָרגן אַזוי גוט געקליידט.“ דעריבער טאַקע האָט מען זי געגעבן דעם צונאָמען: שוועסטער פֿון די אָרעמע. איינער האָט זי גערופֿן ביי דעם נאָמען, קעדיי פֿון איר אָפּצולאַכן, אַן אַנדערער ווידער — ווי אַ פֿאַרגיטיקונג פֿאַר איר גוט האַרץ . . .

אַ געוויסן אָוונט, איך ווייס נישט וועלכן יאָנטעוו מען האָט דאַן געפֿייערט, האָט מען איר געשענקט אַ שיינעם נייעם סו און מען האָט

איך דערלויבט צו גיין זיך שפּילן די איבעריקע צייט פון טאָג. די שוועסטער פון די אָרעמע איז לאַנגזאַם אַוועק אין שטאָט און האָט נישט געוווּסט, וואָס צו מאַכן מיט איר טו און וויאַזוי זיך צו שפּילן. ביז זי איז אַזוי אָנגעקומען אויף דער גרויסער גאַס.

דאָ, לינקס, נישט ווייט פון קלויסטער, איז געווען אַ קרעמל, פול מיט צוקערלעך און מיט ליאַלקעס. די ליאַלקעס האָבן בײנאַכט אין דער ליכט אַזוי שיין אויסגעזען, אַז די קינדער פון דער געגנט האָבן אַ גאַנצע נאַכט געכאָלעמט וועגן זיי.

דעם זעלבן אָוונט איז אויפן טראָטואַר געשטאַנען אַ גרופּע קליינוואַרג מיט אָפענע מײַלער און באַוווּנדערט די שיינע זאַכן אין דעם פענצטער.

די שוועסטער פון די אָרעמע איז מעקאַנע געווען זייער דרייסט־קייט. זי האָט זיך פאַרהאַלטן אין מיטן גאַס און אויסגעגלייכט איר קלײדל, וואָס דער ווינט האָט צעשפּרייט. שטאָלץ פון איר רייכקייט, האָט זי שטאַרק צוגעדריקט איר שיינעם נייעם טו און געזוכט מיטן בליק דאָס שפּילצייג, וואָס זי וועט זיך באַלד קויפן. זי האָט באַשלאָסן צו קויפן די ליאַלקע, וואָס איז געווען אַזוי הויך, ווי זי און האָט גע־טראָגן אַ ווייס זײַדן קלײדל.

דאָס מיידעלע האָט זיך דערנענטערט צום פענצטער. אַ שעמעוודיקע האָט זי זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און האָט באַמערקט אויף אַ שטיינערנער באַנק, קעגן איבער דעם שיינעם קרעמל, אַ שלעכט געקליידעטע פרוי, וואָס האָט געוויגט אין אירע הענט אַ וויינענדיק קינד. זי האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט און אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער ליאַלקע. זי האָט פאַרבראָכן די הענט פון ראַכמאָנעס. הערנדיק די געשרייען פון דעם קינד. די שוועסטער פון די אָרעמע האָט זיך נישט געשעמט צוצוגיין שנעל און אָפּגעגעבן דער אָרעמער פרוי איר שיינעם נייעם טו.

אָך און ווײ

געווען אַמאָל שלימאַזלען צוויי:
אײנער אָך און אײנער ווײ.
איז געקומען ווײ צו אָכן:
— ס׳איז מײן שטיבעלע צעבראָכן,
כ׳האָב נישט, נעבעך, וווּ צו זײן,
כ׳וויל צו דיר אין שטוב אַרײַן.

רופט זיך אָן אָך צו ווייען:
— אין מײן שטיבל ווינטן דרייען,
און ס׳איז קאַלט בײ מיר און נאַס,
לאָמיר ווינען אויף דער גאַס.

זיצן זײ,
אָך און ווײ,
אין אַ שטיבעלע פון שנײ.

נעמען בײדע, ווײ מיט אָכן,
אין אַ טשײניק טײ צו קאָכן.
האָט דאָס פײער זיך צעברענט,
רינען טײכלעך פון די ווענט.



איז אַ טײכעלע געפלאָסן,
האָט דאָס אויוועלע פאַרגאָסן,
און דאָס פײער לעשט זיך אָפּ,
און דער טשײניק פאַלט אַראָפּ.

זיפצן זײ,
אָך און ווײ,
נישט קײן טשײניק, נישט קײן טײ.

לענין און דער שיינער פוקס

לענין האָט ליב געהאַט יאַגד. אָבער ער האָט זעלטן צייט געהאַט דערמיט זיך אָפּצוגעבן.

איינמאָל איז לענין געווען אויף אָפּרו נאָך אַ קראַנקייט. האָבן אים זיינע כאַווירים איינגעלאַדן אויף יאַגד. עס איז געווען ווינטער און אין דרויסן איז געווען אַ פראָסטיקער טאָג.

אַרום דעם וואַלד, ווו די כאַיע האָט זיך אויסבאַהאַלטן, האָט מען אַריינגעשלאָגן אין דער ערד פּיילן מיט קליינע רויטע שטיקלעך לייוונט. דערנאָך האָבן זיך די יעגער אויסגעשטעלט יעדער אויף זיין פּלאַץ. לענין האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטער אַ גרויסן בוים.

פון דער ווייטנס האָט מ'געהערט בילן און אַ ביקס האָט אויסגעשאָסן. לענין איז געבליבן אומבאַוועגלעך מיט דער ביקס אין דער האַנט. די שטילקייט האָט ווידער געהערשט. ווייזט אויס, אַז מ'האָט אין דער צווייטער זייט פון וואַלד געהאַרגעט אַ פוקס. איבער לענינס קאָפּ איז דורכגעפלויגן אַ פויגל און האָט אָנגערירט אַ צווייג, פון וועלכן עס איז אַראָפּגעפאַלן שניי. קליינע שנייעלעך זענען געפלויגן אין דער לופטן.

עס איז געווען רויק און שיין אין וואַלד.

פּלוצלינג האָט זיך פון הינטער אַ יונגביימל באַוויזן אַ פוקס. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ, אויסגעצויגן דעם האַלז. ער האָט איינגעאָטעמט די לופט. ער האָט געהאַט לאַנגע האָר, געדיכט באַוואַקסן. באַזונדערס איז דער עק געווען פּרעכטיק.

דער פוקס האָט אין גאַנצן נישט באַמערקט לענינען הינטערן בוים.

פּלוצלינג איז די כאַיע אונטערגעשפּרונגען פאַרויס און זיך פאַרהאַלטן. זי האָט זיך אונטערגעהערט, באַוועגט מיטן עק און אָנגעשטעלט דעם בליק פון דער ווייטנס. זי האָט נאָכגעשפּירט די שפּורן פון אַ מענטש.

אין דעם מאָמענט האָט זיך לעבן לענינען עפּעס באַוויגן פון אַ ליכט ווינטעלע. דער פוקס האָט זיך דערשראָקן און אַ שפּרונג געטון אויף צוריק. ער איז אַנטלאָפן פייל פון בויגן.

און אַלטער יעגער איז צוגעלאָפן מיט אַ געשריי.

לענין איז געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער ביקס.

— פאַרוואָס האָט איר נישט געשאָסן, וולאַדימיר איליטש ? די כאַיע איז דאָך געווען אַזוי נאָענט !

לענין האָט געגעבן אַ שמייכל.

— איך האָב ראַכמאָנעס געהאַט. ער איז געווען אַזוי שיין, דער פוקס !

אַן עמעסער גרויסער ברודער

ווען אין שטוב איז געווען זייער שלעכט, האָט קריסטאָף אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר אַרום אים.

ער איז נישט געווען דאָס איינציקע קינד. צוויי זענען געשטאָרבן יונגערהייט. צוויי אַנדערע זענען אַלט געווען דריי און פיר יאָר. מעלכיאָר האָט זיך קיינמאָל מיט זיי נישט פאַרנומען. לויזע האָט זיי אָנפאַרטרויט קריסטאָפן, ווייל זי האָט געמוזט אַרויסגיין פון שטוב פאַרדינען. קריסטאָף איז דאַן אַלט געווען זעקס יאָר.

קריסטאָפן האָט עס טייער געקאָסט. ער האָט זיך צוליב דעם געמוזט אָפּזאָגן פון זיינע גוטע נאָכמיטאָג-שפּאַצירן איבער די פעלדער.

אָבער ער איז געווען שטאָלץ, וואָס מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מענטש. ער האָט אַלץ געמאַכט פּינקטלעך.

ער האָט פאַרוויילט דאָס קליינוואַרג. געשפּילט זיך מיט זיי. ער האָט צו זיי גערעדט אַזוי, ווי זיין מאַמע האָט גערעדט מיט אַ קליין קינד. ער האָט זיי געטראָגן אויף די הענט איינעם נאָכן אַנדערן. עס איז פאַר אים געווען זייער שווער. ווען ער האָט שוין מער נישט געקאָנט, האָט ער זיך צעוויינט.

זיי האָבן אים פאַרשאַפט צאָרעס. זיי זענען געווען שמוציק. קריסטאָף האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון. טיילמאָל האָט ער זיי געוואָלט אויספּאַטשן, אָבער ער האָט געטראַכט: „זיי זענען נאָך קליין, ווייסן זיי נישט" און ער האָט זיך געלאָזט פון זיי קנייפּן, שלאָגן.

ערנסט האָט געשריען פאַר גאָרנישט. ער האָט זיך געוואָרפן פאַר קאַעס. ער איז געווען אַ נערוועיש קינד. און די מאַמע האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אים אַלץ נאָכגעבן. רודאָלף האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען קריסטאָף האָט געהאַלטן ערנסטן אויף די הענט. אַלע נאַרישקייטן האָט ער אָפּגעטון הינטער זיינע פּלייצעס. ער האָט צעבראָכן דאָס שפּילצייג, אויסגעגאָסן וואַסער, שמוציק געמאַכט זיין קלייד.

ווען די מאַמע איז אַהיים געקומען, האָט זי קריסטאָפן נישט געזאָגט קיין גוט וואָרט. זי האָט זיך אויף אים נישט געבייזערט, אָבער זי איז געווען אומעטיק, ווען זי האָט געזען די שאָדנס. זי האָט געזאָגט:

— מיין אָרעם קינד, דו ביסט נישט געגנוג פאַרזיכטיק.

קריסטאָפן האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. דאָס האַרץ האָט אים וויי געטון.

ווינט

זאָל דער ווינט אומזיסט נישט בלאָזן. —
אַזאַ בלאָזן ווי ער בלאָזט!
וואָלקנס יאָגט ער ווי די האָזן,
ביימער בייגט ער ביז צום גראָז.

אַ מאַשין וויל איך מיר מאַכן,
און וועל איינשפּאַנען דעם ווינט —
איבער שטעט און איבער פלאַכן
זאָל ער טראָגן מיך געשווינד.

ווען איך דאַרף און ווען איך וויל —
ווי איך טו אַ קנאָפּ אַ ריר,
זאָל ער בלייבן ליגן שטיל —
ווי דאָס הינטל ביי דער טיר.

●

אַ בעלעמער וויץ:

דער טאַטע האָט אַמאָל געשיקט יעקעלען קויפן שוועבעלעך. קומט יעקעלע צוריק אַ צופרידענער:

— טאַטע, אַלע שוועבעלעך זענען גוט, איך האָב זיי אַלע אויס־פּרובירט.

ס'איז אַ ליגן, ס'איז אַן אמעס

אַמאָל איז געווען אַ קייסער, האָט ער געלאָזט וויסן איבערן גאַנצן לאַנד, אַז ווער ס'וועט קומען און אים דערציילן אַ זאַך, אַז ער זאָל אויסשרייען: עס איז אַ ליגן — דעם גיט ער אַוועק אַ האַלבע מלוכה.

קומט צו גיין אַ יונגער פּאַסטעך.

— וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן גוטס? — פרעגט ביי אים דער קייסער.

ענטפערט דער פּאַסטעך:

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי: ביי מיר איז געווען אַ זיידע, האָט ער געהאַט אַזאַ לאַנגע בייטש, אַז אַלע מאָל, ווען ער פלעגט זי אויפהויבן ביים טרייבן די שאָף, פלעגט ער פאַרטשעפּען די שטערן אויפן הימל און זיי איבערמישן צווישן זיך.

— טאַקע גאָרנישט שלעכט — האָט אים דער קייסער געענטפערט — ביי מיין זיידן איז געווען אַ ליולקע, פלעגט ער צו איר פאַר־שפּאָרן שוועבעלעך, ווייל די ליולקע איז געווען אַזוי לאַנג, אַז דער זיידע פלעגט זי פאַררויכערן ביי דער זון.

זעט דער פּאַסטעך, אַז ס'וועט שוין גאָרנישט זיין, גייט ער אַוועק מיט גאָרנישט.

אויף מאָרגן קומט צו לויפן אַ שניידער, דאַר און מאָגער, אַ פאַרסאַפּעטער, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט, נעמט ער גלייך דערציילן:

— אַנטשולדיק, קייסער, וואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט. איך האָב נאָך געוואָלט קומען נעכטן, האָט אָבער אויסגעבראָכן אַ שטורעם און דער הימל איז צעריסן געוואָרן פון די בליצן, און אַז מען האָט מיך גערופן, האָב איך נישט געקאָנט אָפּזאָגן און גע־מוזט דאָרטן שטיין דעם גאַנצן טאָג און פאַרנייען די שפּאַלטן.

— דאָס איז זייער פיין פון דיין זייט — האָט אים דער קייסער

גלייך אויפֿן אָרט געענטפֿערט — נאַר, אַז דו האָסט שוין יאָ גענייט, האָסטו געמעגט נייען בעסער אַביסל, ווייל אָט־אָ קאַפּעט אין דרויסן. אַ סימען, אַז עס זענען נאָך געבליבן לעכער.

זעט דער שניידער, אַז ס'וועט שוין גאָרנישט זיין, גייט ער אַוועק מיט גאָרנישט.

אין אַ קורצער צייט אַרום קומט צו גיין צום קייסער אַ פּויער מיט אַ ליידיק זעקל אונטערן אָרעם.

— וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן גוטס? — פֿרעגט דער קייסער.

— איך — ענטפֿערט דער פּויער — בין געקומען ביי דיר איינ־מאָנען דאָס זעקל גאָלד, וואָס דו האָסט ביי מיר געליען.

— ווער? איך? — האָט זיך דער קייסער מיטאַמאָל צעשריען — עס איז אַ ליגן!!! איך האָב ביי דיר קיינמאָל קיין שום זאַך נישט געליען.

— ס'איז אַ ליגן... — האָט דער פּויער געענטפֿערט — טאָ, דערלאַנג אַהער אַ האַלבע מעלוכע.

דאָ האָט דער קייסער פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט אָפּגעטון, האָט ער גענומען גלעטן דעם פּויער און שמייכלען צו אים, ווי אַ שולדיקער:

— אוי, אוי, ליבינקער, טייערינקער, אַנטשולדיק מיר, כ'האָב גאָר פֿאַרגעסן! ס'איז אַן עמעס, ס'איז אַן עמעס...

— ס'איז אַן עמעס? — זאָגט דער פּויער — טאָ גיב טאַקע אַהער דאָס זעקל גאָלד.

אַ ליגנער, אַז ער זאָגט דעם עמעס, גלויבט מען אים אויך נישט.

דריי ייִנגעלעך

די מאַמע האָט דריי ייִנגעלעך,
דריי ייִנגעלעך געהאַט,
מיט ווייכע, רויטע בעקעלעך,
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.

האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע — כאַים-שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן...
מען זאָל אים קויפן שיך.

איך האָב אייך אָפּגענאַרט!
איך האָב געוווסט — איר וואַרט,
דאָס דריטע קליינע ייִנגעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך.

די מאַמע האָט דריי ניסעלעך
פון דעם יאַריד געבראַכט,
דריי גוטע פעטע ניסעלעך,
דריי ניסעלעך — אַ פּראַכט!

איז איינס געווען פאַר בערעלען,
און איינס פאַר כאַים-שמערעלען,
און גאָר דאָס בעסטע ניסל —
האָט זי געלאָזט פאַר זיך.

איך וווּנדער זיך אַביסל,
פאַרוואָס נישט מיר אַ ניסל?
ווייל ניסן, ניסן ניסעלע —
דאָס דריטע — דאָס בין איך.

די מאַמע האָט אַהיים געבראַכט
צוויי ניסעלעך און מיך,
צוויי ניסלעך פאַר די ברידערלעך
און מיר — צוויי נייע שיך.

שמוליק

שמוליקס טאַטע האָט באַשלאָסן אַוועקצופֿאָרן. די אַנדערע יידן פֿון זיין שטעטל האָבן אויך עמיגרירט, ווייל מען האָט נישט פֿאַר-דינט אויף קיין ביסל זאַלץ אין טאָפּ אַריין. דער קליינער שמוליק האָט זיך אָפּגערופֿן צום טאַטן מיט אַ וואָרט:

— ביי אונז, יידן, ווייסט מען פֿון איין מיטל. ווי נאָר עפּעס, כאַפּט מען גלייך די פֿיס.

דער טאַטע האָט אים געענטפֿערט:

— וואָס ווילסטו, אַז מען זאָל זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט?

דער קליינער שמוליק האָט איינגעזען, אַז דער טאַטע איז גערעכט.

זיי זענען געפֿאָרן קיין פּאַריז. דאָ אין פּאַריז האָט זיך שמוליק אָנגעזאַפּט מיט דער נייער לופֿט. ער האָט זיך דערפֿילט פֿריי אַלס ייד. שמוליק האָט דערזען אַ וועלט מיט מעגלעכקייטן פֿאַר זיך. דער טאַטע האָט שמוליקן פֿאַרגעלייגט, אַז זיי זאָלן אַרבעטן צוזאַמען, מאַכן „מאַרשעס" אַ פּאָר מאָל אין וואָך. שמוליקן איז דאָס נישט געפֿעלן געוואָרן. ער איז אַנטלאָפֿן פֿון שטוב. קיין מיטאָג האָט ער אויך נישט געוואָלט עסן. אין אָוונט איז ער צוריק געקומען מיט אַ פֿרייד:

— איך האָב געפֿונען אַ פּאָסטן. אַ טייערן פּאָסטן, אין אַן אויטאָ-פֿאַבריק. נו, מאַמע, דו וואָלסט זיך אַזוינס פֿאָרגעשטעלט? אין דער פֿאַבריק אַרבעטן צען טויזנט אַרבעטער. איך, דער ייד, וועל אַרבעטן מיט זיי. און קיין הויקער וועל איך אויך נישט קריגן!

טאַטע-מאַמע זענען געווען צופֿרידן, וואָס שמוליק האָט גע-פֿונען אַרבעט. ער וועט ווערן אַ מענטש מיט אַלע גלייך.

די רייכע פעטערס

פון אַן איבערגעבויגן הייזל גייט אַרויס אַ באָרוועס יינגל, שלעכט געקליידט. קעגן איבער, פון אַ צווייט הויז קומט אויך אַרויס אַזאַ יינגל.

קוים זיי זענען איינער צום צווייטן צוגעקומען, איז שוין שווער געווען צו וויסן, וועלכער ס'איז אַרויס פון וועלכן הויז.ביידע אויסגעדאַרט, מיט ברענענדיקע אויגן. ביידע ציטערן פאַר קעלט. און עפשער פאַר הונגער אויך.

זיי שמועסן:

— פאַרטיק?

— און דו?

— אויך.

— האָסט געגעסן?

— ניין ... דער טאַטע האָט נישט געבראַכט.

— מיינער — קראַנק ... די מאַמע וויינט ...

— גייען מיר?

— בעסער לויפן ... ס'איז קאַלט ...

— נו!

זיי לויפן פייל פון בויגן אין שטאָט אַריין.

ביי איינעם פון די שענסטע הייזער שטעלן זיי זיך אָפּ.
— זעסט! מיין פּעטערס הויז! — מאַכט איינער שטאָלץ.
דער צווייטער ווייזט אויף אַ הויז קעגן איבער.
— דאָס איז מיין פּעטערס!
— מיין פּעטער האָט מען אָבער געבראַכט אַן אַראַביש פערדל פאַר 16 טויזנטער!
— מיינער האָט אַ קאַרעטע מיט פיר פערד, ווי די לייבן!
— מיינער האָט עפּשער טויזנט דערפער!
— מיינער האָט עפּשער הונדערט שטעט!
— שויטע, ביי מיין פּעטער איז דאָ מעבל פון גאָלד!
— בעהיימע! ביי מיין פּעטער — סאַמע בריליאַנטן.
— אָבער מיין מומע מיט אירע פאַרפומען! די נאָז רייסט עס אויף!
— אָ-וואָ! מיין מומע גייט אַלע טאָג אין טעאַטער אַריין...
— און אַז מיין פּעטער שפּילט אַלע נאַכט אין קאָרטן! האָ?
זיי האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט און שיר נישט געפאַלן זיך אין די האָר אַריין...
איינער איז דאָך פריער אָפּגעשטאַנען.
— קאַלט, — מאַכט ער מיט אַ ציטער.
דער צווייטער שטייט אויך אָפּ.
— איך בין זייער הונגעריק, — זאָגט ער, — דאָס האַרץ נאָגט מיר! קלינג אַן ביי דיין פּעטער...
— ניין, ענטפערט יענער דערשראָקן, — ער האָט אָנגעזאָגט דעם שווייצאַר, ער זאָל מיר העַנט און פיס צעברעכן!
— מיין פּעטער דאָס זעלבע! — ענטפערט דער צווייטער.
זיי לאָזן ביידע טרויעריק אַראָפּ די קעפּ.

פאַרשטייט די ווערטער:

קאַרעטע — שפּאַציר-וואָגן
שויטע — נאַר
שווייצאַר — דינער
בעהיימע — נאַר

די זון איז פאַרשלאָפן

ס'איז די זון, די ליבע זון
אַביסעלע פאַרשלאָפן היינט.
ווי, וואָס דאָרט האָט זיך געטון!
ס'האָט דער הימל זיך צעוויינט.

ס'האָבן ווינטן זיך צעיאָמערט,
רעגנס האָבן זיך צעשפּריצט.
ס'האָבן דונערס זיך צעדונערט,
ס'האָבן בליצן זיך צעבליצט.

ס'האָבן כוואַליעס זיך צעהוליעט,
זיך צעשפּריצט מיט וויסן שוים.
ס'האָבן פייגל זיך געטוליעט,
אין די נעסטן, אויפן בוים.

ס'האָט זיך אַלץ אַ ריר געטון,
אַ קלייניקייט, וואָס ס'האָט געטראָפן!
ס'איז די זון, די ליבע זון,
אַביסעלע זיך היינט פאַרשלאָפן...

●

א וויץ:

שאָכן: — וואָס איז מיט דיר, ייִנגעלע, האָסט גאָרנישט קיין פריינט, מיט וועמען זיך צו שפּילן?

ייִנגעלע: — איך האָב יאָ איינעם, אָבער איך האָב אים פיינט.

פעטיאַ

—דאָקטער, שרייבט מיך אויס. איך בין שוין געזונט. איך קאָן שוין גיין. איך קאָן שוין אַפילע לויפן. מיין קני איז שוין גענוג אויסגעהיילט.

— ניין, פעטיאַ! דו מוזט נאָך אַ פּאָר טעג בלייבן אין שפּיטאָל. ביסט דאָך פאָרט נישט מער, ווי צוועלף יאָר אַלט.

— אָבער מיין באַטאַליאָן פירט דאָך איצט די גרויסע שלאַכט אויף דעם פראָנט. מען מוז אויסראָטן די נאַציס.

— געוויס, פעטיאַ. געוויס מוז מען זיי אויסראָטן. דעריבער דאַרף מען דיך גוט אויסהיילן. קראַנקע טויגן נישט אויפן פראָנט. און אַז דו וועסט זיין געזונט, וועסטו ווידער קאָנען זיין אַ העלדישער רויט - אַרמייער.

פעטיאַ האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין קישן. אין די גרויע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. די קראַנקן - שוועסטער איז צוגעקומען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין בעטל. זי האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, אַריינגעקוקט אים אין די אויגן און געזאָגט:

— נו, אָט נאַ דיר גאָר אַ געוויין. אַ רויט-אַרמייער פון קאָמאַנדיר פּאַוולאָוס העלדישן באַטאַליאָן זאָל גאָר וויינען!

— נו, גוט. איך וויין נישט, — האָט פעטיאַ געענטפערט שטיל.

— עס פאַרדריסט בלויז, וואָס איך קאָן איצט נישט זיין מיט מיין באַטאַליאָן. איך וויל זיי האַרגענען, די נאַציס. אַסאַך, אַסאַך פון זיי. דאָס איז פאַר מיין מאַמען, פאַר מיינע שוועסטער און ברידערלעך. און פאַר מיין טאַטן — דעם פּאַרטיזאַן, וואָס זיי האָבן דערשאָסן.

די קראַנקן - שוועסטער האָט זיך צוגעהערט צו פּעטיאַס רייד. זי ווערט נייגעריק. זי בעט אים, אַז ער זאָל איר דערציילן גענויער, וואָס מיט אים האָט געטראָפן.

פּעטיאַ האָט זיך אויפגעזעצט און אָנגעהויבן צו דערציילן:

— דאָס איז געווען מיט אַ צען טעג צוריק.

מיין קאָמאַנדיר פּאַוולאָוו — זייער אַ גוטער מענטש. איך האָב אים ליב, אַלע האָבן אים ליב — האָט מיך געשיקט אין אַ צווייטן באַטאַליאָן מיט אַ וויכטיקן דאָקומענט. איך האָב זיך געלאָזט דורך דעם זייטיקן וועג און נישט דורך דעם הויפּט - שאָסיי. ווען איך בין שוין אָפּגעפאָרן אַ קילאָמעטער צוויי, האָב איך פּלוצלינג דערהערט אַ געשריי „האַלט!‟.

עס איז געווען פאַרנאַכט. כ׳האָב נישט געקאָנט גוט זען פון דער וויטנס. באַלד האָב איך ווידער דערהערט: „האַלט!‟ און דאָ האָב איך שוין פון וויטנס דערזען אַ נאַצי מיט אַ ביקס, געצילט גלייך אויף מיר. האָב איך געטראַכט: „וואָס טוט מען? אומקערן זיך איז שוין נישט מעגלעך. וויטער פאָרן — וועט ער דאָך שיסן. און ווי קומט אַהער אָט דאָ דער נאַצי? עס איז שלעכט‟. ביי זיך האָב איך געהאַט בלויז אַ רעוואָלווער. שיסן אויף אים וועל איך נישט קאָנען. עס איז שוין צו שפּעט. און לאָזן אים קריגן ביי מיר דעם דאָקו-מענט — דאָס טאָר מען דאָך נישט. און ער שטייט אין מיטן וועג. ער איז נישט וויט. האָב איך געלאָזט דעם מאָטאָציקל לויפן מיט דער גאַנצער קראַפט.

עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס. איך האָב דערפילט עפּעס, ווי אַ קלאַפּ אין קני. און דאָ האָט זיך מיין מאָטאָציקל פאַרטשעפּעט און איך בין געפאַלן. איך האָב זיך גיך אויפגעהויבן און — דער נאַצי ליגט לעבן מיר אויסגעצויגן אויף דער ערד. די ביקס זיינע אויף אַ זייט. ער ציט זיך צו דער ביקס. האָב איך אַרויסגעכאַפּט מיין רעוואָלווער און מיט צוויי שאָסן געטויט די כאַיע. כ׳האָב אַ כאַפּ געטון דעם נאַצים ביקס, זיך צוריק אויפגעזעצט אויף דעם מאָטאָציקל און

דערפאַרן צום באַטאַליאָן פון קאָמאַנדיר סערגעיעוו. און אָט אַזוי בין איך שוין צען טעג דאָ, אין שפּיטאָל.

די קראַנקן - שוועסטער האָט זיך נישט געגלויבט אירע אויערן. זי האָט זיך ווידער איינגעבויגן צו אים, אַ גלעט געטון און געפרעגט:

— וויאַזוי האָסטו דאָס דעם נאַצי פלוצלינג געטראָפן ליגן אַן אויסגעצויגענעם אויף דער ערד?

— אָט, איינפאַך: ווען איך האָב אַ לאָז געטון מיין מאָטאָציקל מיטן גאַנצן אימפּעט, האָב איך טאַקע געוואָלט אַריפפאָרן אויף אים. נו, בין איך טאַקע אַרויף אויף אים, אומגעוואָרפן אים און דערביי אַליין אַנידערגעפאַלן מיטן מאָטאָציקל.

די קראַנקן - שוועסטער האָט גענומען פּעטיאַס הענט און זיי שטאַרק געדריקט.

פּעטיאַ, דו ביסט אַ העלד, דו ביסט דאָך ווערט אַ מעדאַל.

אין דעם האָבן זיך דערהערט טריט. צוויי אָפיצירן זענען צו-געקומען צו פּעטיאַס בעטל. זיי זענען געווען קאָמאַנדיר פּאַוולאָוו און קאָמאַנדיר סערגעיעוו.

די קראַנקן - שוועסטער איז אויפגעשפּרונגען. פּעטיאַ האָט פון פרייד אויך געוואָלט אַראָפּ פון בעטל און סאַלוטירן. אַלע איבעריקע קראַנקע רויט - אַרמייער האָבן זיך אויך אויפגעזעצט אין זייערע בעטלעך.

— ליג, הייב זיך נישט אויף, — האָט קאָמאַנדיר פּאַוולאָוו ווייך און פאָטערלעך זיך געווענדט צו פּעטיאַן. — מיר זענען געקומען דיך באַגריסן אין נאָמען פון דער רויטער אַרמיי. דו ביסט אַ העלד! פון אונזער רויטער אַרמיי קריגסטו אַן אויסצייכענונג — אָט דעם מעדאַל.

ביידע קאָמאַנדירן האָבן זיך אויסגעצויגן און סאַלוטירט פּעטיאַן.

פּעטיאַ האָט שטיל אָנגעקוקט ביידע קאָמאַנדירן. אין די אויגן האָבן זיך אים געשטעלט צוויי טרערן, ווי פּערל.



כאַנוקע

אַמאָל האָבן די יידן געלעבט אין זייער אייגן לאַנד. זענען די גריכן באַפאַלן דאָס יידישע לאַנד און האָבן געהערשט איבער די יידן. די גריכן האָבן געהאַט זייער קעניג און די יידן האָבן נישט געהאַט אַלע פרייהייטן, אָבער זיי האָבן געקאָנט לעבן, ווי יידן מיט זייערע אַלטע געוווינהייטן.

ווען אַ צווייטער גריכישער קעניג איז אויפגעקומען, האָט ער געוואָלט, אַז אַלע פעלקער, וואָס זענען אונטער זיין הערשאַפט, זאָלן לעבן אַזוי ווי די גריכן. אַלע פעלקער האָבן זיך געפירט, ווי די גריכן האָבן געוואָלט. נאָר די יידן האָבן נישט געפאָלגט. דער גריכישער קעניג איז געווען זייער אַ שלעכטער. ער האָט געהייסן אַנטיאָכוס עפיפאַנעס.

אַנטיאָכוס האָט געוואָלט צווינגען די יידן, אַז זיי זאָלן טון וואָס דער קעניג האָט פאַרלאַנגט. ער האָט אַריינגעשיקט מילי-טער אין יידישן לאַנד. די גריכן האָבן אַריינגעשטעלט אַ געץ אין הייליקסטן אָרט, אין בייס-האַמיקדעש. דער קעניג האָט גע-געבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן, וואָס וועלן אָפהיטן די געזעצן פון זייערע עלטערן, וועלן ווערן געטויט.

די יידן זענען געבליבן געטריי זייער פאָלק. אָבער עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געפאָלגט דעם שלעכטן קעניג.

וועגן דער ביטערער צייט פון די יידן ווערן דערציילט אַסאַך מייסעס. איינע פון די שרעקלעכע מייסעס איז כּאַנע מיט די זיבן זין:

איינע אַ פרוי האָט געהאַט זיבן זין. זיי זענען געווען גוטע און קלוגע קינדער. דער קעניג האָט געשיקט סאָלדאַטן ברענגען די מוטער כּאַנע און אירע זיבן זין צו אים. דער קעניג האָט זיך גע-ווענדט צום עלטסטן זון און געזאָגט:

— דו מוזט זיך בוקן צו דעם געץ, וואָס שטייט דאָ לעבן מיר. אויב דו וועסט דאָס נישט טון, וועל איך הייסן דיך דערהאַרגענען אין די אויגן פון דיין מוטער און דיינע ברידער.

— דו קאָנסט מיך טויטן, אָבער דו קאָנסט מיך נישט צווינגען זיך צו בוקן צו אַ געץ. דו קאָנסט מיך נישט צווינגען זיך אָפּצו-זאָגן פון מיין פאָלק!

האָט דער שלעכטער קעניג געהייסן אים טויטן אין די אויגן פון זיין מוטער און זיינע ברידער. ער האָט די זעלבע זאַך געזאָגט דעם צווייטן ברודער. דער צווייטער ברודער האָט געענטפערט, ווי דער עלטסטער. אַזוי איז געשען מיט זעקס זין פון דער אומ-גליקלעכער מוטער כּאַנע.

דער יינגסטער איז אַלט געווען זעקס יאָר. האָט דער קעניג אים צוגערופן און שטיל געזאָגט:

— דו האָסט געזען, וואָס עס איז געשען מיט אַלע דיינע ברי-דער. דו וועסט שוין נישט זיין אַזוי נאַריש. דו ביסט אַ יונג קינד און ביסט אַזוי שיין! זיי אויך קלוג! דו ווייסט? דו דאַרפסט זיך נישט בוקן צום געץ. בוק זיך צו מיר! און איך וועל דיר שענקען אַסאַך שיינע זאַכן.

אָבער דאָס קינד האָט געקוקט דעם שלעכטן קעניג גלייך אין די אויגן און האָט געענטפערט:

— דו ביסט אַ בלוטיקער מענטש און איך וועל זיך צו דיר נישט בוקן! קאָנסט טון מיט מיר, ווי מיט מיינע ברידער!

דער שלעכטער קעניג האָט אויך אים געהייסן טויטן. די אומ־גליקלעכע מוטער האָט דאָס אַלץ צוגעזען און זי האָט אַפילו איר לעצט קינד נישט צוגערעדט צו בוקן זיך צום קעניג. זי איז געווען שטאָלץ מיט אירע זין.

נאָך דעם האָט דער קעניג געהייסן טויטן אויך די מוטער.

אין שטעטעלע מודיעין האָט געלעבט אַן אַלטער מאַן מיטן נאָמען מאַטיסיאָהו. ער האָט געהאַט פינף זין. אַלע זענען געווען שטאַרקע און העלדישע מענער. דער פּאָטער און די זין זענען געווען געטריי זייער פאָלק. זענען געקומען גריכישע סאָלדאַטן אין דעם שטעטעלע און האָבן צונויפגערופן אַלע איינוווינער. צווישן זיי זענען אויך געווען מאַטיסיאָהו מיט זיינע פינף זין.

דער פירער פון די סאָלדאַטן האָט זיך געווענדט צו מאַ־טיסיאָהו:

— דו ביסט דער עלטסטער און אָנגעזעענסטער אין דעם שטעטל. דאַרפסטו זיין דער ערשטער. וואָס וועט געבן אַ גוטן ביישפּיל. פּיר אוים דעם קעניגס באַפעל. וועסטו ווערן דעם קע־ניגס אַ פריינט. דאָ ליגט אַ כאַזער. אָנגעגרייט ווי אַ קאָרבן פאַרן גריכישן גאָט. דערשטעך אים! דו און דיינע קינדער וועלן דערפאַר זייער שטאַרק באַלוינט ווערן!

האָט מאַטיסיאָהו געענטפערט מיט אַ הויכער שטימע, אַז אַלע זאָלן הערן:

— אַלע פעלקער אונטער דעם קעניגס הערשאַפט פאָלגן אים און גייען אַוועק פון זייערע אַלטע געזעצן און לעבן ווי מען הייסט זיי. אָבער מיר. יידן, וועלן בלייבן ביי אונזער אַלטן גלויבן און ביי די געבאָטן פון אונזערע עלטערן! און איך מיט מיינע קינדער וועלן בלייבן געטריי אונזער פאָלק!

מאַטיסיאָהו האָט געענדיקט רעדן. אַלע זענען געבליבן שטיל.

איינער אַ ייד מיט אַ מעסער אין האַנט רייסט זיך אַרויס און וויל שטעכן דעם כאַזער. מאַטיסיאַהו האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער פון זיין האַנט און דערשטאָכן דעם יידן.

עס איז געקומען צו אַן אויפשטאַנד. מאַטיסיאַהוס זין און נאָך אַנדערע איינווינער האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף די סאָלדאַטן. אַ טייל האָט מען דערהאַרגעט, די איבעריקע זענען אַנטלאָפן. מאַטיסיאַהו האָט באַשטימט אָנצופירן מיטן אויפשטאַנד קעגן קעניג זיין מיטלסטן זון, דעם גרעסטן העלד פון יענער צייט — יעהודע האַמאַקאַבי.

דער קעניג האָט געשיקט זיינעם אַ גענעראַל מיט אַסאַך סאָלדאַטן קעגן די יידן. יעהודע האַמאַקאַבי איז דער ערשטער אָנגעפאַלן אויף זיי און האָט זיי באַזיגט. ער האָט אויך באַזיגט אַ צווייטן גענעראַל, וואָס דער קעניג האָט געשיקט. דער קעניג האָט געשיקט נאָך אַ גרעסערע אַרמיי און אויך זי איז באַזיגט געוואָרן פון די העלדישע יידן. יעהודע האַמאַקאַבי האָט פאַר-טריבן דעם קעניגס סאָלדאַטן פון ירושאַלאַים. מען האָט אויס-גערייניקט די שטאָט און ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט מען געמאַכט אַ יאָנטעוו. מען האָט דאָס ערשטע מאָל געפייערט דעם יאָנטעוו כאַנוקע.

אין ביים-האַמיקדעש איז געווען אַ מענוירע, אַ גרויסער לייכ-טער מיט זיבן רערן. אין די זיבן רערן האָט געברענט אייל. מען האָט אויפגעשטעלט אַ נייע מענוירע און מען האָט געזוכט ריי-נעם בוימל, וואָס איז געבליבן פון פריער. האָט מען געפונען איין קריגעלע מיט ריינעם בוימל און מען האָט אָנגעצונדן די ליכט. דאָס קריגעלע בוימל איז געווען נאָר אויף איין טאָג און עס האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג.

עס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט. דער יאָנטעוו איז אָבער אויך איצט נישט פאַרגעסן געוואָרן. מען דערמאָנט זיך: פרייהייט איז אַ טייערע זאַך! יידן האָבן זיך נישט געלאָזט אונטערדריקן!

שימקעס געוויין

קומט אַהיים דער קליינער שימקע
מיט אַ ביטערן געוויין.
— מאַמע, מאַמע, קום אין דרויסן
לאָמיר צו דעם טייכל גיין!

זענען פערד דאָרט אָנגעלאָפן,
ווייסטו וואָס זיי ווילן טון?
אַך, זיי טרינקען אויס דאָס וואַסער
און זיי עסן אויף די זון.

ווען די נאַכט האָט אויסגעשפּרייט זיך,
אויף דער דרעמלענדיקער ערד,
האָבן העכער נאָך געהירזשעט
ביי דעם טייך די שוואַרצע פערד . . .

קומט צולויפן שימקע ווידער
מיט אַ כליפּעניש אַהיים:
— מאַמע, לאָמיר, מאַמע, גיכער,
לאָמיר צו דעם טייכל גיין!

מ'האָט די זון שוין אויפגעגעסן,
ס'איז אַ פינצטערניש אַ שרעק,
און די פערד מיט גרויסע פּיסקעס
הירזשען ווידער שוין ביים ברעג.

— וויין נישט שימקע — זאָגט די מאַמע,
זינט עס ווייסט די וועלט פון שיין,
שלינגען פערד די קלאָרע שטערן
און זיי שלינגען זיי נישט איין! . . .

ס'איז די זון, אַ זון ווי שטענדיק,
שטערן שיינען אויף דער ערד,
און אַ טייכל איז אַ טייכל,
און אַ פערד פאַרבלייבט אַ פערד.

יידן גיבן זיך נישט אונטער

יאָסל איז איצט אַלט 15 יאָר. ער איז פון וואַרשע, זיינע עלטערן, צוויי ברידער און דריי שוועסטער האָבן די דייטשן אַוועקגעפירט קיין טרעמבלינקע. ער אַליין האָט זיך אַרויסגעריסן פון די באַנדיטישע הענט. געוואַנדערט איבער די דערפער, ווו געטאָגט — דאָרט נישט גענעכטיקט. צוריק געקומען דערנאָך קיין וואַרשע, ווו ער האָט אַנטייל גענומען אין אויפשטאַנד פון געטאָ.

ווען די געטאָ איז שוין געווען פול מיט נאַציס און דייטשישע טאַנקן, האָבן זיך אין הויז אויסבאַהאַלטן 13 יידן. זיי האָבן געשאָסן אויף די נאַציס פון די דעכער. די פרויען און די קינדער האָבן זיך געפונען אין אַ קעלער. מיט איינמאָל האָבן זיך די דייטשן דערנענטערט צום הויז און געשריען, אַז די יידן זאָלן אַרויסגיין און זיך אונטערגעבן. די יידן האָבן געוואָרפן גורל. אויף פיר איז געפאַלן דער גורל. זיי האָבן זיך אָנגעטון מיט דינאַמיט און גראַנאַטן און זענען אַראָפּגעשפרונגען פון דאַך אויף די דייטשן. אַלע זענען דערהאַרגעט געוואָרן. די ניין יידן האָבן דאַן אַרויסגעראַטעוועט די פרויען און קינדער און זענען אַנטלאָפן.

דערנאָך האָט זיך יאָסל אויסבאַהאַלטן ביי אַ פויער אין אַ דאָרף.



באַלמעלאָכעס

בין איך מיר אַ שניידערל,
רופט מען מיך רעב גאָדל;
צי איך מיר אַזוי אַריין
אַ פֿאָדעם אין אַ נאָדל.
כ׳מאַך אין עק אַ קניפּעלע —
ניי און ניי קעסיידער;
אָט אַזוי און אָט אַזוי
ניי איך מיר די קליידער.
טוריי־ריי!
טוריי־ריי!
ניי איך מיר די קליידער.

בין איך מיר אַ שוסטערל,
רופט מען מיך רעב מיכל;
נעם איך מיר אַזוי דעם אָל
און שטעך אַריין אין שיכל.
ווערט אין זויל אַ לעכעלע,
שטעק אַריין אַ טשוועקל.
אָט אַזוי און אָט אַזוי
קלאַפּ איך מיטן העקל.
קלאַפּ און קלאַפּ!
קלאַפּ און קלאַפּ!
קלאַפּ איך מיטן העקל.

בין איך מיר אַ בעקערל,
רופט מען מיך רעב לעמל;
קנעט איך מיר דאָס טייג גוט אויס
און שנייד דאָס ברויט און זעמל.
כ׳לייג זיי אויף דער לאָפּעטע,
געשוואָלענע פון היוון;
אָט אַזוי און אָט אַזוי
רוק איך זיי אין אויוון.
באַלד אַריין
און באַלד אַרויס
הין און צוריק פון אויוון.



קינדער אין סאָוועטנפאַרבאַנד

אַ קאַלטער אָקטאָבער-טאָג. גלאַט און ברייט זענען די סטעפּעס אין דער געגנט פון סטאַלינגראַד. פעלד און הימל. הימל און פעלד. קיין בערגל, קיין בוים. די זון הייבט זיך אויף פון הינטערן פעלד און לאָזט זיך הינטערן פעלד אַרונטער. איבער דער זאַמדיקער דאָרפישער גאַס גייען פינף קינדער. זיי טראָגן אַ גרויסע זעג און אַ האַק. זיי שטעלן זיך אָפּ לעבן אַ נידעריק הייזל מיט אַ שטרויענעם דאַך. זיי קלאַפּן אָן אין טיר. מען ענטפערט נישט. זיי קלאַפּן שטאַרקער. פון שטיבל דערהערט זיך אַ געוויין פון קליינע קינדער.

— האָט קיין מורא נישט, לאָזט אַריין. דאָס בין איך, זינע — זאָגט די עלטערע פון די קינדער.

— די מאַמע הייסט קיינעם נישט אַריינלאָזן — ענטפערט אַ דין שטימעלע.

— דו קענסט דאָך מיך, וואַניאַ, דאָס זענען מיר, די פּיאָנערן פון דער שול. לאָז אַריין! — באַמיט זיך זינע אים איינצורעדן.

די טיר עפנט זיך. אין שטיבל איז קאַלט און האַלב-פינצטער. צוויי קליינע קינדער זיצן אויפן בעט. וואַניאַ, אַ יינגעלע פון אַ יאָר פינף, שטייט לעבן דער טיר.

— לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט! — זאָגט זינע צו די געקומענע.

וואַליאַ כאַפּט אַן עמער און לויפט צום ברונעם. אָליאַ בלייבט זיך שפּילן מיט די קליינע. צוויי יינגלעך און זינע גייען אַרויס אויפן הויף. דאָרטן ליגט אַ גראָבער קלאָץ. פריילעך לויפט די זעג פון האַנט צו האַנט. באַלד איז דער קלאָץ צעזעגט. די צעזעגטע שטיקער שפּאַלטן די קינדער אויף דינע שייטלעך. דאָס צעהאַקטע האָלץ טראָגט מען צוזאַמען אין פירהויז. איינע פון די מיידלעך פאַרקערט דאָס שטיבל, הייצט איין דאָס אײוועלע. זי וועט בלייבן מיט די קליינע קינדער, ביז וואַנען די מוטער וועט קומען פון דער אַרבעט.

די איבעריקע גייען אַוועק. זיי דאַרפן נאָך היינט זיין אין עטלעכע הייזלעך — אָנשרייבן בריוו צו אַ פאָטער, אָדער אַ זון אויפן פראָנט, צולויפן אין אַן אַפּטייק נאָך רעפּועס פאַר אַ קראַנק קינד, אויסוואַשן אַ העמדל פאַר אַ קליין קינד, ווייל די מוטער איז קראַנק.

דאָס זענען קינדער פון אַ טימור-קרייזל. אַזוי הייסן די קרייזלעך פון די סאָוועטישע שול-קינדער, וואָס באַמיען זיך צו העלפן די פאַמי-ליעס, ווו דער פאָטער, אָדער דער זון איז אויף דער מילכאָמע. אין יעדער שול איז פאַראַן עטלעכע קרייזלעך אַזוינע. זיי צעטיילן צווישן זיך די גאַסן פון דאָרף, אָדער שטאָט, און יעדער קרייזל באַמיט זיך בעסער אויסצופירן זיין אַרבעט.

פאַרשטייו די ווערטער:

פּיאָנער — קינד, מיטגליד פון אַ קינדער-אָרגאַניזאַציע. קלאָץ — אַ גראָב שטיק האָלץ. שייטלעך — שטיקלעך. רעפּועס — מעדי-קאַמענטן.

איינס און צוויי

איינס און צוויי,
איינס און צוויי,
איינס און צוויי איז דריי;
זון באַהעלט
אונזער וועלט,
לעבן איז קעדאַי.

דריי און פיר,
דריי און פיר —
פיר און פיר איז אַכט;
אויפן קאַרק
פון אַ באַרג
האָט זיך ווער צעלאַכט:

זום-זום-זום,
זום-זום-זום? —
פרעגט ביי מיר אַ פליג.
טראַ-לאַ-לאַ,
טראַ-לאַ-לאַ...
ענטפער איך צוריק.

כאַ-כאַ-כאַ!
כאַ-כאַ-כאַ!
— ווער-זשע לאַכט עס דאָרט?
כאַ-כאַ-כאַ!
כאַ-כאַ-כאַ! —
מער דאָך נישט קיין וואָרט.

●

אַ געטרייער שאָכן

אין יאָר 1311 האָט דער קעניג פיליפּ פון פראַנקרייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אין מעשעך פון עטלעכע טעג מוזן אַלע יידן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

די אומגליקלעכע יידן האָבן אין אַזאַ קורצער צייט נישט באַוויזן צו פאַרקויפן נישט קיין הייזער, נישט קיין פעלדער, נישט קיין סכוירעס, נישט קיין מעבל.

זענען זיי אָרעם אַוועק אין דער ווייטער פרעמד.

איינער פון די פאַרטריבענע יידן, אַ גרויסער פּאַריזער סוחער,

האָט מוירע געהאַט, אַז ביי דער גרענעץ וועט מען ביי אים צונעמען זיין געלט און צירונג, איז ער אַוועק צו איינעם פון זיינע קריסטלעכע שכיינים און ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל אים דאָס פאַרמעגן זיינס באַהאַלטן.

דער קריסט האָט צוגעזאָגט צו היטן דאָס געלט און דאָס צירונג און דער ייד איז אַוועק מיט נאָך אַסאַך פאַרטריבענע זוכן אַן אָרט, וווּ זיך צו באַזעצן.

עטלעכע יאָר שפּעטער האָט פיליפּס יורעש אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט, אַז די אַנטלאָפענע יידן מעגן זיך ווידער באַזעצן אין זייערע אַלטע וווינערטער.

דער סוחר איז אויך צוריק אַוועק קיין פּאַריז. זיין ערשטער גאַנג איז געווען צו זיין אַמאָליקן שכן. אָבער ער האָט אים אין דער אַלטער דירע שוין נישט געטראָפן.

זיך נאָכגעפרעגט ביי די שכיינים, איז ער געוואָר געוואָרן, אַז די לעצטע יאָרן האָט דער קריסטלעכער סוחר געמאַכט זייער שלעכטע געשעפטן. אַנגעוווירן זיין גאַנץ פאַרמעגן, וווינט ער איצט אויסער דער שטאָט, אין אַן אָרעם שטיבל.

דער ייד האָט פון דער נייס געהאַט גרויס צער. מיסטאָמע איז פון פאַרמעגן, וואָס ער האָט דעמאָלט זיין שכן געגעבן צו באַהאַלטן, אויך געוואָרן אַ טעל . . .

מיט אַ צעבראָכן האַרץ איז ער אַוועק אויסער דער שטאָט אויפזוכן זיין פריינט.

אין אַ קליין נידעריק בוידעמשטיבל, אָן מעבל, אָן אַ בעט איז געזעסן צונויפגעקאָרטשעט אויף אַ קופער אַן אויסגעהונגערטער זאַקן און געציטערט פאַר קעלט.

דער ייד, דערזעענדיק אַזאַ אָרעמקייט, האָט שוין נישט געקלערט אפילו צו רעדן וועגן זיין געלט און זיין צירונג.

נאָר דער אַלטיטשקער האָט דעם גאַסט גלייך דערקענט, אויפגע-עפנט דעם קופער און געזאָגט :

— דאָ האָט איר אייער פאַרמעגן, וואָס איר האָט מיר געגעבן צו היטן ?

— וואָס ? — האָט דער ייד אויסגערופן אַ פאַרוווּנדערטער. — איר לעבט אין אַזאַ אָרעמקייט און נויט און איר האָט פונעם פאַרמעגן נישט גערירט ?

— דאָס אַלץ איז נישט מיינס ! — האָט דער פראַנצויז געענטפערט.

— גוט, וואָס איר זענט ענדלעך געקומען. אַסאַך מאָל האָב איך שוין געטראַכט מיר דאָס לעבן צו נעמען, ווייל אָפט איז געווען זייער שווער איבערצוטראָגן די צאָרעס און דעם פיין. אָבער איך האָב איך דע־מאָלט צוגעזאָגט צו היטן אייער פאַרמעגן, האָב איך געליטן און געוואַרט.

— גוט האָט איר געטון, וואָס איר האָט געוואַרט, — האָט דער ייד געענטפערט. — די שלעכטע צייט האָט זיך פאַר אייך שוין געענדיקט. אַ העלפט פון דעם פאַרמעגן געהערט איצט צו אייך.

דער ייד האָט דעם זאַקן אַרויסגענומען פון עלנט און זיי האָבן געלעבט צוזאַמען אין פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט.

פאַרשטייט די ווערטער :

מעשעך — צייט, פאַרלויף. סכוירע — זאַכן, וואָס מען קויפט און פאַרקויפט. סויכער — אַ מענטש, וואָס האַנדלט. שכיינים — מענטשן, וואָס וווינען אין זעלבן הויז. צונויפגעקאַרטשעט — צונויפגעפרעסט, צונויפגעדריקט. יוירעש — נאָכפאָלגער. דירע — וווינונג. צאַר — ווייטיק. טעל — צעשטערן. אַסאַך — פיל. זאַקן — אַן אַלטער.

דערציילט אַן ענלעכן פאַל פון דער לעצטער צייט.

שפריכוואָרט : וואָס פאַר אַ גוט מאָרגן, אַזאַ גוט יאָר.



זשאַק און אַנרי

עס איז געווען אַרום האַלבע נאַכט, אין מאָנאַט דעצעמבער. אויפן הויכן בערגל האָבן אַ גלאַנץ געטון די רעלסן. זשאַק האָט צוגעלייגט דאָס אויער צום קאַלטן שטאָל, אָבער דער גערויש איז געקומען פון די טעלעגראַפן-דראָטן. מיט שמאַטעס אויף די פינגער האָט ער אָפּגע-שרויפט די רעלסן, ווייל די קלענסטע באַרירונג פון מעטאַל האָט ווייט אָפּגעקלונגען. די שרויפן זענען געווען פאַרזשאַווערט און עס איז געווען שווער זיי אָפּצודרייען, אָבער זיין געהילף, אַנרי, האָט געהאַט שטאַרקע הענט. ווי נאָר די שרויפן זענען לויז גע-וואָרן, איז די קליינע שטאַבע, וואָס פאַראייניקט ביידע רעלסן, גלייך אָפּגעשפּרונגען. אין מיטן פון דער אַרבעט האָט זשאַק געגעבן אַ צייכן, אַז די דייטשישע וואַך קומט אָן. ס'איז געווען די העכסטע צייט זיך אַראָפּצוקייקלען פון בערגל. ער האָט געדאַרפט ליגן שטיל, אָן אָטעם, און הערן זייער אָנקומען. די וואַך איז פאַרביי. איין סאָל-דאַט האָט זיך אונטערגעזונגען אַ דייטשיש לידל.

באַלד דערנאָך איז זשאַק צוריק אַרויפגעקראָכן אויפן בערגל צו די רעלסן. ער האָט אָפּגעשרויפט צוויי-דריי רעלסן אין דער גיך און די אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט. אַנרי האָט זיך לייכט אַראָפּגעקייקלט פון דעם בערגל. ער איז אַריין אין וועלדל און דערהערט דעם גערויש

פון אָנקומענדיקן צוג. דאָס האַרץ האָט בײַ אים שטאַרק געקלאַפּט.
דער צוג איז פֿול געװען מיט נאַציס. באַלד דערנאָך האָבן זיך דער-הערט די אױפֿרײַסן, די געװאַלדן פֿון מענטשן און די קנאַלן פֿון אײַזן און גלאָז.

די הערצער בײַ זשאַקן און אַנרין זענען געװאַקסן פֿון פֿרייד. זשאַק האָט אױסגערופֿן:

— דאָ האָט איר פֿאַר שמוליקן, פֿאַר בערטן און פֿאַר אַלע אַנדערע!

צופֿרידענע פֿון דער געלונגענער אַקציע, זענען בײדע ייִנגלעך פֿאַרשװוּנדן געװאָרן אין אַ שפּור נאָך זיך.

דערצײל אַן אַנדער מײַסעלע װעגן פּאַרטיזאַנער.

●

געזאַנג

זינגט, זינגט, זינגט,
קינדערלעך צוזאַמען.
פּױקט אין פּױקן, קלאַפּט אין טאַצן,
צינדט די זון אין פֿלאַמען.
אין אַ װעלט פֿון לױטער נױט —
מיר דאַרפֿן האָבן קינדער-פֿרײד,
אין אונזער װאָכנדיקן קאַמף —
רופֿט און מונטערט דאָס געזאַנג.
זינגט, זינגט, זינגט,
קינדערלעך צוזאַמען!

די מייסע פון פורים

אַמאָל איז געווען אַ מייסע. די מייסע הויבט זיך אָן מיט אַ נאַרישן מײלעך. און עס לאָזט זיך אויס זייער פריילעך. דער מײלעך האָט געהאַט אַ מאַלקע, איז ער איינמאָל אויף איר אין קאַעס געוואָרן, האָט ער זי געהייסן דערהאַרגענען. און אַז מ׳האָט זי דערהאַרגעט, האָט ער כאַראָטע געקראָגן, וואָס ער האָט זי דערהאַרגעט.

— „גרויסער נאַר!" — האָט דער מײלעך אויף זיך אַליין געזאָגט.

— „וואָס האָב איך דאָס געטון? וויאַזוי קאָן דאָס זיין אַ מײלעך אָן אַ מאַלקע?".

האָבן זיינע דינער אויסגעזוכט פאַר אים אַן אַנדערע מאַלקע. און איר נאָמען איז געווען עסטער. און זי איז געווען נאָך שענער פון דער ערשטער מאַלקע.

דער מײלעך האָט זייער ליב געקראָגן די נייע מאַלקע און וואָס זי האָט געבעטן, האָט ער איר געגעבן. און דער מײלעך האָט נישט געוווסט, אַז עסטער איז אַ יידיש מיידל.

און אין דעם קעניגס הויף איז געווען עסטערס אַ פעטער, האָט מען אים גערופן מאָרדכע. הערט איינמאָל מאָרדכע, ווי צוויי דינער רעדן אָפּ צווישן זיך צו פאַרסאַמען דעם מײלעך. איז מאָרדכע אַוועק און האָט דאָס דערציילט דעם מײלעך, האָט מען די צוויי דינער אויפגעהאַנגען. די גאַנצע געשיכטע איז פאַרשריבן געוואָרן אין קעניגס בוך.

אין קעניגס הויף איז אָנגעקומען אַ שלעכטער מענטש — האָמען. האָט דער נאַרישער קעניג ליב געקראָגן האָמענען. און האָט געהייסן, אַז אַלע זאָלן זיך בוקן פאַר האָמענען. האָבן זיך אַלע געבוקט, נאָר איין מאָרדכע האָט זיך פאַר אים נישט געוואָלט בוקן. איז האָמען אין קאַעס געוואָרן אויף מאָרדכען און ווען ער האָט געהערט, אַז מאָרדכע איז אַ ייד, האָט ער געוואָלט דערהאַרגענען מאָרדכען מיט אַלע יידן אינאיינעם. איז האָמען אַוועק צום נאַרישן מײלעך און זאָגט אים:

— ליבער מיילעך, זאָלסט לעבן און זיין פריילעך! פאַרקויף מיר אַלע יידן פון דיין לאַנד. און איך וועל זיי אַלעמען אויסהאַרגענען. זאָגט צו אים דער נאַרישער מיילעך:

— וואָס דאַרפסטו זיי קויפן ביי מיר? נעם זיי אַלע צו אומזיסט, און טו מיט זיי וואָס דו ווילסט!

איז האָמען אַוועק פריילעך פון דעם מיילעך און האָט די ערשטע זאַך געמאַכט אַ טליע אויפצוהענגען מאָרדכען. ווען מאָרדכע האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, איז ער אַוועק צו עסטערן זאָגן איר, אַז זי איז אויך אַ יידיש קינד. זאָל זי בעטן דעם נאַרישן מיילעך, אַז ער זאָל נישט לאָזן האָמענען אויסהאַרגענען אַלע יידן.

די זעלבע נאַכט האָט דער מיילעך נישט געקאָנט שלאָפן. ער האָט גערופן זיין שרייבער און געבעטן איבערלייענען דאָס בוך. נעמט דער שרייבער לייענען דאָס בוך. קומט ער צו אַ מייסע, ווי מאָרדכע האָט געראַטעוועט דעם קעניגס לעבן. פרעגט דער מיילעך ביי דעם שרייבער:

— האָט מען מאָרדכען עפּעס געטון דערפאַר, וואָס ער האָט מיין לעבן געראַטעוועט, איז אין בוך פאַרשריבן?

ענטפערט דער שרייבער:

— ניין, מען האָט אים גאָרנישט געטון!

רופט אויס דער קעניג:

— ווער איז דאָ איצט אין הויף?

ענטפערט מען דעם מיילעך:

— האָמען איז דאָ!

זאָגט דער מיילעך:

— שיק אים אַריין!

קומט אַריין האָמען. פרעגט אים דער מיילעך:

— זאָג מיר: וואָס זאָל מען טון דעם מענטשן, וואָס דער מיילעך האָט אים ליב?

טראַכט האָמען ביי זיך אין האַרצן:

— „וועמען האָט דער מײלעך ליב, אויב נישט מיר?"
רופט ער זיך אָן צום מײלעך:

— ליבער מײלעך, זאָל מען דעם מענטשן, וואָס דו האָסט ליב אָנטון די קעניגלעכע קליידער, אַרויפזעצן אויפן קעניגס פערד, אָנטון אים אויפן קאָפּ דעם קעניגס קרוין און דער גרעסטער מיניסטער זאָל אים פירן איבער אַלע גאַסן און שרייען:



— אַזוי ווערט געטון מיטן מענטשן, וואָס דער קעניג האָט אים ליב.

— דו האָסט גוט געזאָגט, האָמען, נעם טאַקע און טו דאָס אַלץ מיט מאָרדכען.

אַז האָמען האָט דאָס דערהערט, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אָבער, אַז דער מײלעך הייסט, מוז מען פאָלגן און האָמען האָט געמוזט אַרומפירן מאָרדכען איבער די גאַסן און שרייען:

— אַזוי טוט מען מיטן מענטשן, וואָס דער קעניג האָט ליב.

דערווייל איז עסטער המלכה געקומען צום מיילעך און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל נישט לאָזן המנען אויסהרגענען אַלע יידן, ווייל זי אַליין איז אויך אַ יידישע.

האָט דער מיילעך געזען, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט ער האָט אָפּגע־טון און ער האָט געהייסן אויפהענגען המנען אויף דער זעלבער טליע, וואָס המן האָט צוגעגרייט פאַר מרדכען.

פאַרשטייט די ווערטער:

מיילעך — קעניג. מלכה — קעניגין. פאַרסאַמען — פאַרגיפטן.

שפּריכוואָרט:

ווער עס גראָבט פאַר יענעם אַ גרוב, פאַלט אַליין אַריין.

געפאַנגען

דער פרילינג איז געקומען,
דער שניי איז צעגאַנגען,
זיצט אין אַ שטייגל
אַ פויגל געפאַנגען.

עס קלינגען אויף פעלדער
דעם שניטערס געזאַנגען,
זיצט אין אַ שטייגל
אַ פויגל געפאַנגען.

די נאַכט איז געקומען,
די פענצטער פאַרהאַנגען,
זיצט אין אַ שטייגל
אַ פויגל געפאַנגען.

דער טאָג איז אַוועק,
די זון איז פאַרגאַנגען,
זיצט אין אַ שטייגל
אַ פויגל געפאַנגען.

דאָס ייִנגעלע, וואָס האָט געראַטעוועט שאָלעם-אַלייכעמען

פון אַ קליין שטעטל אין אוקראַינע האָט די רויטע אַרמיי געמוזט שנעל אָפּטרעטן. פיל ייִדן פון שטעטל זענען אַוועק צוזאַמען מיט דער אַרמיי, ווייל זיי האָבן געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט זיי אונטער די נאַציס. אָבער נישט אַלע האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען. די נאַצישע מערדער זענען אַזוי שנעל אַריין, אַז אַ צאָל ייִדן זענען געבליבן. די ייִדן האָבן זיך באַהאַלטן.

צווישן די איבערגעבליבענע האָבן זיך געפונען כאַים גרינבלאַט, זיין ווייב עסטער און זייער זון דאָוויד. כאַים איז געווען אויפזעער אין דער קינדער-שול און ער מיט זיין פאַמיליע האָבן געוווינט אין דער שול. ווען די נאַצים זענען אַריין, האָבן זיך אַלע דריי באַהאַלטן אויפן בוידעם פון דער שול. זיי האָבן געטראַכט פון דאָרט צו אַנטלויפן ביינאַכט. פון בוידעם האָט מען געקאָנט דורך עטלעכע שפּאַרעס אַריינקוקן אין זאַל פון שול און קלאָר זען, וואָס דאָרט טוט זיך.

די נאַצישע אָפיצירן האָבן זיך דאָרט גלייך באַזעצט, ווייל די שול איז געווען דאָס שענסטע הויז פון שטעטל.

דאָוויד איז געלעגן אַ גאַנצן טאָג ביי אַ שפּאַרע און מיט פייער אין די אויגן זיך צוגעקוקט צו די נאַצישע אָפיצירן. פלוצלינג האָט דאָוויד אויפגעציטערט און איז אין גאַנצן שטייף געוואָרן. אין מיטן האַלז האָט זיך אים אַ טרער אַוועקגעשטעלט. געוואַקסן, גרעסער געוואָרן. זי וועט אים דערוואַרגן. אָבער דאָוויד האָט ווייטער געקוקט, נישט פאַרמאַכט די אויגן.

אונטן אין זאַל האָט אַ דייטש אַ זעץ געטון מיט זיין ביקס אין דעם בילד פון שאָלעם-אַלייכעמען, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. דאָס גלאָז האָט זיך דערשראָקן און איז צעשפּרונגען געוואָרן אויף טויזנט ברעקלעך. די ראַם האָט זיך אונטערגעגעבן און זיך צעקראַכן

אין אַלע זייטן. דאָס בילד איז געבליבן ווי פון זיך אַליין הענגען אויף דער וואַנט און געלאַכט פון דעם ווילדן נאַצי.

דער נאַצי איז נאָך רויטער געוואָרן. ער האָט אויפגעהויבן זיין ביקס און מיט קאַעם געריסן, געשלעפט און אַרונטערגעקלאַפּט דאָס בילד.



דאָס בילד איז געפאַלן מיטן פּנים אַרויף און אַ פּאָר פרייליכע אויגן און אַ פּאָר קלוגע וואָנצעס מיט אַ בערדל האָבן ווייטער געלאַכט דעם נאַצי אין פּנים אַריין. אַ ווילדער האָט דער נאַצי געטראָטן דאָס בילד מיט זיינע שטיוול און אַוועקגעשאַרט אין אַ ווינקל.

אויף דעם אָרט פון שאָלעם-אַלייכעמס בילד האָט דער נאַצי אויפגעהאַנגען אַ פאָן מיט אַ האַקן-קרייץ. אונטן אין זאַל איז שטיל געוואָרן. אין אַ ווינקל האָט געברענט אַ לעמפּל. איבערן זאַל זענען געלעגן די נאַצישע אָפיצירן און געשלאָפן.

ווען טאַטע-מאַמע זענען שוין אין גאַנצן גרייט געווען זיך צו לאָזן אין געפּערלעכן וועג אַריין, איז זיי פּלוצלינג קאַלט געוואָרן פון שרעק: דאָוויד איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון בוידעם. דער טאַטע האָט מיט די הענט אויסגעזוכט אין אַלע ווינקעלעך פון בוידעם-שטיבל און — נישטאָ דאָוויד.

פאַרציטערטע האָבן טאַטע-מאַמע זיך אַ וואָרף געטון צו דער שפּאַרע און אַראָפּגעקוקט אין שול-זאַל. זיי האָבן געזען:

איינגעבויגן, שטיל, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, האָט דאָוויד זיך געדרייט צווישן די נאַצים. אָט האָט ער זיך צוגעטוליעט צו אַ וואַנט. געשטאַנען, געוואַרט, נישט געאָטעמט. אָט איז ער געקראָכן אויף אַלע פיר. געדרייט זיך ווי אַ שלענגל און שיר נישט אומגעוואָרפן די ביקסן.

דערקראָכן: דערקראָכן צום ווינקל, ווו עס איז געלעגן דאָס צעקנייטשטע בילד פון שאָלעם-אַלייכעמען. טאַטע-מאַמע האָבן שטום זיך געהאַלטן ביי די הענט. געשוויגן, געציטערט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך אין וואַלד געגליטשט דריי שאָטנס. דאָס יינגל האָט נאָך אַלץ געצאַפּלט. מיט פרייד האָט ער געדריקט צו זיך דאָס צעקנייטשטע בילד, וואָס ער האָט געטראָגן אונטער׳ן העמד.

אַ כעלעמער וויץ:

בערל: — פאַרוואָס עפנסטו נישט דיין שירעם, עס רעגנט דאָך?

שמערל: — עס וועט גאָרנישט העלפן, מיין שירעם איז מיט לעכער.

בערל: — טאָ פאַרוואָס האָסטו מיטגענומען אַ שירעם מיט לעכער?

שמערל: — איך האָב דען געוווּסט, אַז עס וועט רעגענען?

קינדער, הערט!

קינדער, הערט, איר ווילט מיך פאָלגן —
זעט, ווי פריש עס איז דער סאָד!
נעמט זיך אַלע פאַר די הענטלעך,
לאָמיר גיין אַ קאַראַהאָד!
אָט אַזוי און אָט אַזוי,
לאָמיר גיין אַ קאַראַהאָד!

וואָס-זשע שטייסטו, ווי אַ גוילאָם?
בערל, יאָסל, נו, געשווינד,
היי, אַ הויב די פיסלעך, אוילאָם,
אַזש אַ פאָך טון זאָל אַ ווינט!
אָט אַזוי און אָט אַזוי,
אַזש אַ פאָך טון זאָל אַ ווינט!

כאַ-כאַ-כאַ! דער פויגל שרעקט זיך
און די ביימער קוקן אָן —
טאַנצט-זשע האַסטיקער, און יעדער
זאָל זיי ווייזן, וואָס ער קאָן!
אָט אַזוי און אָט אַזוי,
זאָל זיי ווייזן, וואָס ער קאָן!

איצט לאָזט לאַנגזאַמער די פיסלעך,
און שטעלט אָפּ די טאַנצעריי:
לאָמיר אָפּרוען צוביסלעך,
און דערנאָכדעם אויפדאַסניי!
אָט אַזוי און אָט אַזוי,
און דערנאָכדעם אויפדאַסניי!

די מאַרסעליעזע — דאָס ליד פון פרייהייט

די מאַרסעליעזע איז געבוירן געוואָרן אין קאַמף. דער אויטאָר איז רוזשע דע ליאיל, אַ יונגער אָפיציר פון ריין. ער האָט דאָס ליד געשאַפן אין שטראַסבורג, אין אַפּריל 1792.

בלויז צוויי מאָנאַטן האָט געדויערט, און די מאַרסעליעזע איז געזונגען געוואָרן אין גאַנץ פראַנקרייך. די איינוווינער פון מאַר־סעי זינגען דאָס ליד אויף די וועגן, וואָס פירן קיין פּאַריז. דאָס ליד ווערט איבערגענומען פון מויל צו מויל. די מאַרסעליעזע צינדט די הערצער, גיט האָפענונג און קראַפט אין די הענט. דאָס איז דער הימן פון אַלע פרייוויליקע.

אין אַלע קאַמפן הערט מען דאָס ליד. די פיינט פון פראַנק־רייך ציטערן, ווען זיי הערן אירע קלאַנגען.

אין אויגוסט 1792 גרייפן די רעפּובליקאַנער פון פּאַלעי און די מאָנאַרכיסטן פון טילערי אונטער אירע קלאַנגען.

ווען די רעפּובליק איז באַזיגט, ווערט די מאַרסעליעזע פאַר־באָטן. אונטער דער הערשאַפט פון לוי דעם 18־טן, שאַרל דעם 10־טן און נאַפּאָלעאָן דעם 3־טן הערט מען אירע שטילע קלאַנגען אין די טורמעס. עס איז דאָס „אוונט־געבעט" פון אַלע רעפּובלי־קאַנער און פון אַלע פּאָליטישע געפאַנגענע.

און הילכיק קלינגט זי ווידער אָפּ, ווען די רעפּובליקאַנער וואַכן אויף. דער טרומפּייט אין דער שלאַכט מישט אירע קלאַנגען אוים מיטן געוויש פון די ביקסן אויף די באַריקאַדעס. זי באַשיצט די דריי־פאַרביקע פאָן.

אין די יאָרן 1830, 1848 און 1871 ווערט די מאַרסעליעזע געזונגען דורך אַלע, וואָס קעמפן און שטאַרבן פאַר דער פרייהייט.

אַלע פעלקער, וואָס קעמפן פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט און

פאַר אַ בעסערן מאָרגן, זינגען דאָס ליד. אין 1830 זינגען די מאַר־סעליעזע די בעלגישע פּאַטריאָטן. די גריכן שלאָגן זיך פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט אונטער אירע קלאַנגען פון נעקאָמע. אין 1917 ווערט זי געזונגען דורך די רוסן אויף די גאַסן פון פּעטראָגראַד און מאָסקווע. אין מאַדריד און באַרצעלאָנע זינגען די מאַרסעליע־זע די רעפּובליקאַנער, וואָס קעמפן קעגן היטלערן און פראַנקאָ.

אין דער צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע איז זי ווידער פאַר־ווערט. די מאַרסעליעזע איז געווען דאָס געשריי פון אַלע ברידער און פון אַלע פרייע מענטשן. פון אַלע פראַנצויזישע פּאַטריאָטן און פון אַלע, וואָס האָבן געקעמפט קעגן היטלערן אין די פיר זייטן פון אייראָפּע.

די מאַרסעליעזע איז נישט אַלט געוואָרן. זי איז געבליבן אויף אייביק דאָס ליד פון אַלע, וואָס קעמפן פאַר פרייהייט.

פאַרשטייט די ווערטער :

גרייפן — אַטאַקירן. פאַרבאָטן — פאַרווערן, נישט דערלויבן. אומ־אָפּהענגיקייט — זעלבשטענדיקייט, אַליין אָנפירן. פּעטראָגראַד — אַ גרויסע שטאָט אין רוסלאַנד, וואָס הייסט היינט לענינגראַד.

מיין שיפעלע

ס'האָט דער רעגן אויפגעהערט,
דער הימל איז שוין אויסגעקלערט,
נאָר די דעכער זענען נאַס,
רינען טייכעלעך אין גאַס.

רינען, רינען, רינען...
כ'האָב מיין שיפעלע געפונען,
אויפן וואַסער עס געלאָזט,
און עס קומט דער ווינט און בלאָזט.

יאָגט מיין שיפעלע געשווינד.
אויף די פליגל פונעם ווינט, —
— פלי דיר, פלי, מיין שיפעלע!
און וווהין פליסטו, שיפעלע?

— צו דער פרייער וועלט אַהין,
וו ס'איז ליכטיק, וו ס'איז גרין,
פויגל זינגט, בלימל בליט —.
— שיפל, שיפל, נעם מיך מיט!

●

יאָסעף און זיינע ברידער

יאַנקעוו האָט געהאַט צוועלף זין. אָבער מער פון אַלע האָט ער ליב געהאַט זיין יונגן זון יאָסעף. יאָסעף איז געווען שיין און קלוג. אָבער די ברידער האָבן יאָסעפן נישט ליב געהאַט, ווייל ער פלעגט זיך שטענדיק באַרימען, אַז ווען ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער זיין אַ גרויסער מענטש, אַ פירער ביים פאָלק.

איינמאָל, ווען יאָסעפס ברידער זענען אַ לאַנגע צייט נישט געווען

אין דער היים, ווייל זיי האָבן געפּאַשעט זייער שאָף, האָט יאַנקעוו גע-שיקט יאָסעפן זען, וואָס עס מאַכן די ברידער און די שאָף.
ווען די ברידער האָבן דערזען יאָסעפן אויסגעפּוצט אין אַ נײַ ייִדן העמדל, האָבן זיי געזאָגט:
— אָט גייט ער, דער באַרימער. לאָמיר אים טויטן, וועלן מיר זען וואָס עס וועט אַרויסקומען פון זײַנע באַרימערײַען.
אָבער דער עלטערער ברודער האָט געזאָגט:
— ברידער, לאָמיר נישט פאַרגיסן קיין בלוט. לאָמיר אים אַרײַנוואַרפן אין אַ גרוב און שוין.
דער עלטערער ברודער האָט געטראַכט, אַז אין אָוונט וועט ער אים אַרויסנעמען פון גרוב און ברענגען אים צוריק צום פאָטער.
האָבן די ברידער אַזוי געטון. ווי יאָסעף איז אָנגעקומען, האָבן זיי אים אויסגעטון דאָס העמדל און אַרײַנגעוואָרפן אין אַ גרוב.
די ברידער האָבן זיך געזעצט עסן און דער עלטערער ברודער איז ערגעץ אַוועק. דערווייל זענען אָנגעקומען אַראַבישע סאָחרים מיט זייערע קעמלען. רופט זיך אָפּ איינער פון די ברידער:
— לאָמיר אים פאַרקויפן צו די אַראַבער.
האָבן אים די ברידער אַרויסגענומען פון גרוב און אים פאַרקויפט. נאָך דעם האָבן זיי געקוילעט אַ ציגעלע, אײַנגעטונקט יאָסעפס העמדל אין בלוט און עס געבראַכט צו יאַנקעוון:
— דאָס האָבן מיר געפונען. איז דאָס דײַן זונס העמדל?
יאַנקעוו האָט דערקענט דאָס העמדל און זיך צעוויינט:
— יאָ, דאָס איז מײַן קינדס העמדל. אַ בייזע חיה האָט אים אויפגעגעסן.
און יאַנקעוו האָט נישט אויפגעהערט צו באַוויינען זײַן זון יאָסעף.

די אַראַבישע סאָחרים האָבן געבראַכט יאָסעפן קיין מיצראַים און אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט צו איינעם פון קעניג פּאַרעס עלטסטע.
יאָסעף האָט זיך שנעל באַליבט געמאַכט און דער עלטסטער האָט אים געמאַכט פאַר אַן אויפזעער איבער זײַן פאַרמעגן.
דער קעניג האָט געהערט, אַז יאָסעף איז אַ פעיקער און אַ קלוגער מענטש, האָט ער אים געמאַכט פאַר דעם פירער פון לאַנד. ער האָט

אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל פאָלגן יאָסעפן, ווי דעם קעניג אַליין.

איינמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ הונגער אויף דער וועלט. אין אַלע לענדער איז נישט געווען קיין ברויט, נאָר אין מיצראַים יאָ, ווייל יאָסעף האָט מיט זיין קלוגשאַפט געזען, אַז ס׳וועט זיין אַ הונגער, האָט ער אָנגעגרייט גענוג ברויט פאַרן גאַנצן לאַנד אין די גוטע, זאַטע יאָרן.

אויך אין לאַנד, וווּ עס האָט געוווינט יאַנקעוו מיט זיינע זין, איז געווען אַ הונגער. האָט יאַנקעוו געשיקט זיינע זין קיין מיצראַים איינצוקויפן שפייז.

זענען זיי געקומען צו יאָסעפן, פרעגט ער זיי:

— ווער זענט איר?

זאָגן זיי:

— מיר זענען יידן און מיר ווילן קויפן שפייז.

זיי האָבן יאָסעפן נישט דערקענט, אָבער יאָסעף האָט זיי יאָ דערקענט.

האָט יאָסעף אויף זיי ראַכמאָנעס געהאַט און ער האָט אויסגעשריען מיט פרייד:

— איר דערקענט מיך נישט? איך בין דאָך אייער ברודער יאָסעף. לעבט נאָך מיין טאַטע יאַנקעוו?

די ברידער האָבן אַראָפגעלאָזט די קעפ און נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן. זיי האָבן כאַראָטע געהאַט פאַר דעם שלעכטס, וואָס זיי האָבן אים געטון. אָבער יאָסעף האָט זיי נישט געלאָזט טרויערן. ער האָט זיי פאַרגעבן. ער האָט געהייסן די דינער, מען זאָל אָנפאַקן זעק מיט ברויט און ער האָט זיי געהייסן ברענגען דעם פאָטער און זיין יינגסטן ברודער בעניאָמין.

יאָסעף האָט דערציילט דעם קעניג פאַרעו, וואָס ס׳האָט פאַסירט. און פאַרע האָט געזאָגט צו יאָסעפן:

— דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַר דיינע ברידער. גיב זיי אָפּ דאָס בעסטע שטיק לאַנד, וואָס דיר געפעלט.

איז יאַנקעוו מיט זיינע זין געקומען און זיי האָבן זיך באַזעצט אין דעם לאַנד גוישען, אין מיצראַים.

כיל דער הונגעריקער

אַמאָל איז געווען אַ קליין ייִנגל, האָט מען אים גערופן דער הונגעריקער כיל. ווען דו טרעפסט אים, וואָלסטו זיך אַוואַדע גע־וווּנדערט, פאַרוואָס ער הייסט אַזוי. כיל דער הונגעריקער פלעגט מען אים רופן דערפאַר, ווייל ברויט איז געווען זיין אייציקע שפּייז און ווייל ער פלעגט דאָס ברויט שטענדיק עסן טרוקן. ער איז געווען זייער אָרעם.

כילס לעבן איז געווען אַזוי טרויעריק, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געלאַכט, אַפילו נישט געשמייכלט. עס איז זעלטן צו טרעפן אַ ייִנגל, וואָס האָט נאָך נישט געלאַכט, אָבער אַזוי איז עס געווען.

כיל איז געווען אַ בלאָנדער, מיט אַ פאַררייסן נעזל, בלויע אויגן, אַ שוואַרץ פאַרטוך און אַ געלע פּאָר הויזן. ער האָט נישט געאַרבעט, ווייל פאַר אים איז קיין אַרבעט נישט געווען און ער איז נישט געגאַנגען אין שול, ווייל ער האָט באַדאַרפט אַרומגיין אַרום זיין איינזאַמער מאַמען. זי איז געלעגן אַ קראַנקע אויף די לונגען אין אַ נידעריקן צימער, וווּ מען האָט געהייצט איין מאָל אין דריי טעג. זיין מאַמע איז געווען אַן אַרבעטערין און אַ פאַר־הארעוועטע פרוי. קיין טאַטן האָט ער שוין נישט געהאַט.

זיין טאַטע איז אומגעקומען אין אַסטוריע. כילן איז פאַרבליבן אַן אָנדענק פון טאַטן — אַ רינגעלע מיט אַן אויסגעקריצטן אויפ־שריפט פון אינעווייניק: „אָוויעדאָ".

כיל איז דאַן אַלט געווען צען יאָר.

איינמאָל אין אָוונט, ווינטערצייט, קערט ער זיך אום אַהיים מיט אַ פּעקל אַלטע פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט און דערזעט ביי זיין מאַמען אין צימער אַן אוילאַם מענטשן. דער גאַלעך מיטן ווירט רעכענען אויס, וויפיל מען וועט קאָנען אָפּנעמען פאַרן איי־וועלע און פאַר דעם בעט. דעם ווירט איז געקומען דירע־געלט און דעם גאַלעך פאַרן אָפּריכטן די לעצטע טפילע...

כּיל האָט זיך פֿאַרשעמט. ער האָט נישט געגוי פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פֿאָר. ער איז אָבער אַרויס פֿון שטוב. קיינער האָט אים נישט פֿאַרהאַלטן. אין דרויסן ביי דער טיר האָט ער זיך געזעצט אויף אַ שטיין און גענומען וויינען.

●

אַ שיינער טאָג

אַ שיינער טאָג, אַ פֿרילינג-טאָג,
וואַכט אויף אין מיין זיקאָרן.
אַ שיינער טאָג, אַ גאָלדענער
פֿון מיינע קינדער-יאָרן.

איך שטיי אין אונזער גערטעלע,
די ווינשל-ביימער בליען.
עס פֿלאַמען מיינע בעקעלעך,
די אייגעלעך — זיי גליען.

עס זאָגט מיר אָן די מאַמעשי,
איך זאָל זיך נישט פֿאַרגעסן,
און ווען די זון וועט אונטערגיין,
דאַן זאָל איך קומען עסן.

דער טאַטע הערט זיך איין און קוועלט,
און גיט דערביי אַ שמייכל,
און זאָגט מיר אָן: „געדענק מיין קינד!
פֿאַרקריך נישט ווייט צום טייכל“.

פייסעך צום סיידער

דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע איז פּייסעך צום סיידער געווען ביי זיין זיידן און האָט געהערט די מייסע, ווי די יידן זענען געווען קנעכט ביי דעם קעניג פּאַרע. זיי האָבן געבויט פאַר אים שטעט און פּאַלאַצן. אַליין האָבן זיי געוווינט אין גריבער. און ווי זיי זענען שפּעטער אַרויס פון מיצראַים.

ס'איז געוואָרן שפּעט און ייִנגעלע-רינגעלע איז איינגעשלאָפן ביים טיש. כאָלעמט זיך אים, אַז ער גייט צו פּאַרען אויף יענער זייט טייך. ווו דער פּאַלאַץ געפינט זיך. קוקט ער אַזוי און קוקט, ערשט ס'איז גאָר־נישט קיין טייך, נאָר אַ יאַם, אַ גרויסער יאַם. און די כוואַליעס וואַרפּן הין און הער. אַזש עס כאַפּט גאָר אָן אַ שרעק. זאָגט צו אים דער יאַם:

— איך בין דער רויטער יאַם, ייִנגעלע-קליין!

דער גרויסער מוישע קומט באַלד צו גיין.

און טאַקע באַלד איז געקומען צו גיין מוישע. ייִנגעלע-רינגעלע האָט אים באַלד דערקענט. דער זיידע האָט אים נאָך פון פריער דער־ציילט פון מוישען. און גלייך נאָך מוישען האָבן זיך באַוויזן זייער אַסאַך מענטשן. דאָס זענען געווען די יידן, וועלכע מוישע האָט אַרויס־געפירט פון מיצראַים. אַלע מיט שטעקנס אין די הענט און מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס. ווי מענטשן, וואָס גייען אין אַ וויטן וועג. צוגייענדיק צום יאַם, האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט. מוישע האָט גע־פרעגט ביים ייִנגעלע:

— וואָס טוסטו דאָ, ייִנגעלע?

ענטפערט דאָס ייִנגעלע:

— איך וויל גיין צום קעניג פּאַרע אין פּאַלאַץ!

זאָגט צו אים מוישע:

— מען דאַרף נישט גיין צו פּאַרען. איך בין אויך אַמאָל געווען אַ ייִנגעלע, ווי דו. און בין געווען ביים מיילעך אין פּאַלאַץ. כ'האָב דאָרטן געזען אַסאַך גוטע זאַכן. דערנאָך בין איך אַרויס אין גאַס און דערזען

די יידן, אַ פאָלק פון שקלאַפן, שטייען און שאַפן, אַרבעטן שווער, שווער און ביטער אונטער בייטש און ריטער. קנעטן ליים און מאַכן ציגל, בויען שטעט און פּאַלאַצן, און פון זייערע נאַקעטע לייבער גיסט זיך שוויים פון דער אַרבעט און בלוט פון די שמיץ. מער האָב איך שוין נישט געקאָנט גיין צום מיילעך אין פּאַלאַץ. איך בין געבליבן מיט די שקלאַפן ביז זיי זענען באַפרייט געוואָרן. און איצט פיר איך זיי אין אַן אַנדער לאַנד, אין לאַנד פון פרייהייט. ווילסט מיט אונז גיין?

האָט דאָס יינגעלע-רינגעלע לאַנג נישט געטראַכט און געענטפערט:

— איך גיי.

דערווייל איז אַ שטורעם געוואָרן אויפן יאַם. די כוואַליעס איינע גרעסער פון דער אַנדערער האָבן זיך געוואָרפן הין און הער. פון די גרויסע כוואַליעס האָט זיך דער יאַם געשפּאָלטן אין צווייען. מוישע מיט די יידן האָבן באַוויזן דורכצוגיין דעם יאַם אויף יענער זייט.

אין דער רעגע האָט זיך דערהערט אַ לויפעריי פון פערד און אַ קלאַפעריי פון די וועגענער. דאָס זענען געווען פּאַרע מיט די מיצרים. זיי האָבן אָנגעהויבן נאָכצולויפן די יידן, קעדיי זיי צוריק כאַפּן און פאַרשקלאַפן.

נאָר די יידן זענען שוין געווען אויף יענער זייט יאַם. דער שטורעם האָט זיך ווידער אָנגעהויבן און די כוואַליעס האָבן דערטרונקען פּאַרען מיט די מיצרים, מיט די פערד און די רייט-וועגענער. קיין איינער איז נישט איבערגעבליבן. אַלע יידן און יינגעלע-רינגעלע מיט זיי, האָבן געזונגען פרייליכע לידער.

דער זיידע האָט אויפגעוועקט יינגעלע-רינגעלען, האָט אים גע- געבן אַ זעקעלע מיט ניס צום שפּילן און יינגעלע-רינגעלע איז אַוועק מיט טאַטע-מאַמע אַהיים שלאָפן.

אַרבעט-יאָנטעוו

הײַנט איז לויטער — זון און הימל
און די ערד איז גרין און שיין, —
אויפֿן גרויסן אַרבעט-יאָנטעוו
פֿריילעך, קינדער, לאָמיר גיין!

הויך די רויטע פֿאָן געהאַלטן,
שטאָלץ געגאַנגען — איינס, צוויי, דריי.
אומעטום זאָל זינגען, קלינגען!
לעבן זאָל דער ערשטער מײַ!

אַן אײַנפֿאַל

לילים טאַטע איז געקומען אַהיים און האָט דערציילט, אַז דעם ערשטן מײַ וועט ער מיט אַלע אַרבעטער פֿון פֿאַבריק גיין אויף אַ דעמאָנסטראַציע. ער האָט געזאָגט, אַז אַלע אַרבעטער וועלן גיין איבער די גאַסן מיט לידער, מוזיק און מיט פֿאָנען.

האָט לילי אויך געוואָלט גיין מיטן טאַטן.

— נעם מיך מיט, טאַטע, — האָט לילי געבעטן.
— גוט, — האָט צוגעזאָגט דער טאַטע.

לילי לייגט זיך שלאָפֿן. זי האָט אָבער מורע, אַז זי זאָל נישט פֿאַרשלאָפֿן און דער טאַטע וועט פֿאַרגעסן זי מיטצונעמען אויף דער דעמאָנסטראַציע.

מיטאַמאָל שפּרינגט זי אַראָפּ פֿון בעט. זי זוכט אויס אַ לאַנג שטריקל און בינדט עס צו מיט איין עק צום טאַטנס שוך און מיט דעם צווייטן עק צו איר האַנט. אַז דער טאַטע וועט מאָרגן נעמען דעם שוך, וועט ער אַ ציִ טון דאָס שטריקל, וועט זי זיך גלייך אויפֿכאַפּן.

אין דער פֿרי, ווען דער טאַטע איז אויפֿגעשטאַנען, האָט ער געוואָלט אָנטון די שיך און האָט דערזען אַרום אַ שוך אַ שטריקל. ער האָט אַ שטאַרקן ציִ געטון פֿאַרן שטריקל. לילי האָט געגעבן אַ געשריי און זיך אויפֿגעכאַפּט.

— איך האָב מורע געהאַט, אַז דו וועסט פֿאַרגעסן מיך צו וועקן פֿון שלאָף, — האָט לילי געזאָגט מיט אַ פֿריילעכן געלעכטער, — האָב איך צוגעבונדן דאָס שטריקל.

האָט לילי מאַרשירט מיטן טאַטן און מיט אַלע אַרבעטער. אירע אויגן האָבן געשיינט פֿון פֿרייד.

●

די רעפּובליק פֿון דער וועלט

דער ראַנד פֿון דעם הימל איז נאָך טונקל,
די זון גייט אויף, נאָר זי איז נאָך אַ פֿונק נאָר,
דאָך באַלד שפּרייט זי אויס זיך צעהעלט, —
אַ העלע הערלעכע פֿאָן פֿאַר אונדז אַלע,
אַ פֿאָן, וואָס שטייגט אויף און וועט קיינמאָל נישט פֿאַלן,
די רעפּובליק פֿון דער וועלט!

דער העלדישער שימשון

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען אויף יידן איז אָנגעפאַלן אַ שטאַרק פאָלק, די פלישתים, און זיי געוואָלט אונטערדריקן.

אין יענער צייט האָט געלעבט אַ ייד מיטן נאָמען שימשון. ער איז געווען הויך און שיין און זייער שטאַרק. האָט מען אים גערופן שימשון האַגיבער, שימשון דער שטאַרקער. און די יידן האָבן אים געמאַכט פאַר אַ פירער.

איינמאָל איז שימשון געגאַנגען איינער אַליין אין פעלד. איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ לייב. שימשון האָט נישט געהאַט קיין שום געווער מיט זיך, האָט ער מיט זיינע הענט אָנגעכאַפּט דעם לייב ביים פּיסק און אים צעריסן אויף צווייען.

איינמאָל האָבן די פלישתים געמאַכט שפּאַס און אָפּגעלאַכט פון די יידן. האָט שימשון געכאַפּט דריי הונדערט פוקסן, האָט זיי צונויפגעבונדן צו צוויי ביי די עקן, אַריינגעשטעקט צווישן די עקן ברענענדיקע פאַקלען און אָפּגעלאָזט די פוקסן אויף די פעלדער פון די פלישתים. פאַרשטייט זיך, אַז די פעלדער זענען אין גאַנצן פאַרברענט געוואָרן.

איינמאָל האָבן די פלישתים אויסגעפונען, אַז שימשון איז געקומען אין דער שטאָט עזה איבערצונעכטיקן. זענען זיי געקומען ביינאַכט און פאַרשלאָסן די שווערע אייזערנע טויערן פון שטאָט.

— איצט האָבן מיר אים געפאַקט! — האָבן זיך די פלישתים געפרייט. — אין דער פרי וועלן מיר אים נעמען געפאַנגען.

אין מיטן דער נאַכט האָט זיך שימשון אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז די טויערן זענען פאַרמאַכט. האָט ער אַ נעם געטון די שווערע טויערן, זיי אויפגעהויבן איבער זיין קאָפּ און זיי אַוועקגעטראָגן אויפן באַרג.

איינמאָל זענען די פלישתים באַפאַלן שימשענען אין מיטן דער נאַכט. זיי האָבן אים אויסגעשטאָכן די אויגן, געבונדן מיט שטאַרקע שטריק און אים אַריינגעוואָרפן אין טורמע.

די עלטסטע פון די פלישתים האָבן זיך פאַרזאַמלט אין טעמפּל און געמאַכט אַ יאָנטעוו, ווייל זיי האָבן געפאַנגען דעם העלדישן שימשון. טויזנטער פלישתים האָבן אָנגעפילט דעם טעמפּל.

זיי האָבן געבראַכט שימשענען און געלאַכט פון אים.

האָט שימשון געזאָגט צום יינגל, וואָס האָט אים געפירט:

— פיר מיך צו צו די זיילן, אויף וועלכע דער טעמפּל איז אָנגע-שפּאַרט.

און שימשון האָט געזאָגט: איצט וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט די פלישתים, דערפאַר וואָס זיי האָבן מיך בלינד געמאַכט און געשלאָגן מיין פאָלק. איך וועל שטאַרבן צוזאַמען מיט די פלישתים.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט אַלע קויכעס אויף די זיילן און זיי אומגעוואָרפן. דער טעמפּל איז איינגעפאַלן און טויזנטער פלישתים זענען געהאַרגעט געוואָרן. צוזאַמען מיט זיי איז אויך שימשון אומ-געקומען.

פאַרשטיי די ווערטער: קויכעס — קרעפטן. געהאַרגעט — געטויט

מאַי

ווידער איז דער מאַי געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט:
אַלע גראָזן, אַלע בלומען
האָבן ווידער אויפגעוואַכט.

ווידער בליט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלאַנצט עס אומעטום —
יעדעס בלעטל, יעדע בלום.

ווידער נעמט דער פרילינג מאָלן,
מיט זיין פּענדזל, וו ער שמירט,
ווערן בערג און ווערן טאָלן,
ווערט די ערד מיט גרינס באַצירט.

●

אונזער קינדער-היים

איר וועט זאָגן: אַ דאָרף, ווי אַלע דערפער. וועלדער זענען וועלדער,ביימער זענען אויך ענלעך איינער צום אַנדערן. אַ קליין ביימעלע איז טאַקע אַ קליין ביימעלע און אַ טייך איז אַ טייך. אין יאַם איז דאָס וואַסער געזאַלצן, אָבער ביי אונז איז דאָס וואַסער, ווי אַלע וואַסערן. איי, מען קאָן זיך באָדן! דערווייף איז עס דאָך אַ טייך. היינט, די געביידע! עמעס, עס איז נישט קיין פּאָשעטע געביידע. עס איז אַ שלאָס. און מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן — דער פּאַרקישעפטער שלאָס. ווייל ער האָט אין זיך עפּעס אַ מין קישעף. אַז מען קומט אַריין אין דעם שלאָס, ווילט

זיך נישט גלייך אַרויס. ער איז אויסערלעך שיין און אינעווייניק אויך נישט מיעס. צו דערציילן די געשיכטע פון דעם שלאָס און אויסרעכענען אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין דעם שלאָס, וועט צונעמען צופיל צייט. בעסער איז צו קומען אַהער און צו זען מיט די אייגענע אויגן.

אַנדרעזי – אַזוי הייסט דאָס דאָרף און אַזוי רופט מען די קינ-

דער-היים. גאַנץ גיך איז אונזער היים באַרימט געוואָרן. מען קאָן זאָגן, אַז די גאַנצע וועלט, ווו עס לעבן יידן ווייסט, אַז דאָ, אין אַנדרעזי האָבן יידן אין פראַנקרייך איינגעאָרדנט אַ קינדער-היים פאַר יידישע קינדער. די קינדער זענען שוין אויך באַקאַנט. אומעטום רעדט מען וועגן די קינדער און מען רעדט וועגן דעם הויז. אַזוי איז באַשערט געווען.

אַז דו ביסט אומעטיק, כאַפּ זיך אַראָפּ אַהערצו, וועסטו גלייך ווערן פריילעך. גאָרנישט לאַנג זענען די קינדער אויך געווען אומעטיק. זיי האָבן נישט געלאַכט, אַפילו נישט געשמייכלט. די נאַציס האָבן פאַרווערט קינדער, ביפראַט יידישע קינדער צו שמייכלען און צו לאַכן. היינט זענען די נאַציס מער נישטאָ. און קינדער מעגן ווידער לאַכן. שטעקן אויך אָן אַנדערע מיט זייער געלעכטער.

די טאַטעס מיט די מאַמעס האָבן די דייטשן צוגענומען. געבליבן זענען קינדער אַליין. לעבן מיר דאָ אין אַ גרויסער מישפּאָכע. אונזערע פריינט פון דער גאַנצער וועלט זענען געוואָרן אונזערע טאַטעס און מאַמעס. זיי זאָרגן וועגן אונז. מיר דאַרפן גאָרנישט זאָרגן. מיר פילן זיך דאָ קימאַט, ווי ביי זיך אין דער היים. מיר פאַרוואַלטן אין אונזער קינדער-היים, און די עלטערע העלפן אונז, ווייל מיר זענען נאָך קליין און מיר דאַרפן הילף. אונזער לערער איז אונזער כאַווער. און מיר האָבן אים ליב, ווייל ער טוט פאַר אונז אַלץ, קעדיי אונז זאָל גוט זיין. נישט נאָר די לערער זענען אונזערע כאַווירים, נאָר אַלע, וואָס אַרבעטן אין אונזער הויז: דער קיכער, די וועשין, דער פאַרוואַלטער — אַלע זענען אונזערע טייערע און האַרציקע פריינט. מיר האָבן זיי ליב. דערפאַר זענען מיר אויך געהאָרכזאַם. די לערער אין שול זענען פון אונז צופרידן. מיר לערנען פלייסיק.

אַ בעלעמער וויץ :

אַ בעלעמער מאַמע זאָגט צו איר יעקעלען :

— גיי צו, מיין קינד, צום פענצטער און גיב אַ קוק, וואָס פאַר אַ וועטער ס'איז היינט.

יעקעלע קומט צוריק פון פענצטער און זאָגט :

מאַמע, היינט איז אַ נעפל, אַז איך קאָן דעם וועטער נישט זען.

זאָג נישט קיינמאָל...

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט דאָך אונזער אויסגעבענקטע שאָ,
עס וועט אַ פּויק טון אונזער טראָט — מיר זענען דאָ!

פֿון גרינעם פּאַלמען-לאַנד ביז לאַנד פֿון ווייסן שניי,
מיר זענען דאָ מיט אונזער פּיין, מיט אונזער וויי.
און וווּ געפֿאַלן איז אַ שפּריץ פֿון אונזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונזער גוורע, אונזער מוט.

ס׳וועט די מאָרגן-זון באַגילטן אונז דעם היינט,
און דער נעכטן וועט פֿאַרשווינדן מיטן פֿיינט,
נאָר אויב פֿאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פֿון דאָר צו דאָר.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און נישט מיט בליי,
ס׳איז נישט קיין לידל פֿון אַ פֿויגל אויף דער פֿריי,
דאָס האָט אַ פֿאָלק צווישן פֿאַלנדיקע ווענט,
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט דאָך אונזער אויסגעבענקטע שאָ,
עס וועט אַ פּויק טון אונזער טראָט — מיר זענען דאָ!

פֿאַרשטייט די ווערטער: קאַיאָר — פֿרימאָרגן, מאָרגן-שטערן. נאַגאַנעס — רעוואָלווערן פֿון אַ גרויסן קאַליבר.

אונזער יידישע שול

וואָסער שול נאָך אויף דער וועלט
האָט אַזוי פיל פרייד און כיין ?
וואָסער שול, ביי וועלכן פאָלק,
בויען טאַטע-מאַמע אַליין ?
אונזער יידישע שול !

וואָסער שול, אויף וועלכער שפּראַך,
וואַקסט אַזוי אין יעדן לאַנד ? —
אויף די שנייען פון סיביר,
אויף דעם אַפריקאַנער זאַמד ?
אונזער יידישע שול !

וואָסער שול, ביי וועלכן פאָלק,
לערנט אים צו זיין אַ ייד ?
רעדן יידיש — אונזער שפּראַך,
זינגען יידיש — אונזער ליד ?
אונזער יידישע שול !

וואָסער שול נאָך לערנט אונז :
— זיי אַ מענטש און זיי אַ ייד,
ליב דעם אַרבעט-מענטש, מיין קינד,
זינג מיט אים זיין פרייהייט-ליד ?
אונזער יידישע שול !

●

דער קליינער קאָמונאַר

לוי רו האָט גענומען די פיפקע אין די ציין און זיין זון פאָלן אויף די פּלייצעס און איז אַוועק באַשיצן די קאָמונע. לוי האָט געשאָסן. פאָל איז געשטאַנען לעבן טאַטן. אַן אַרבעטער האָט געשענקט פאָלן אַ

נייע לײמענע פּיפּקע און אַ שטיקל זייף. ווען די קאַמונאַרן האָבן גע־שאָסן, האָט פּאַל געלאָזט פון זיין פּיפּקע זייפן־בלאָזן. ער פלעגט פאַר־בייסן די פּיפּקע אין די ציין, ווי זיין טאַטע. די קאַמונאַרן האָבן באַ־וווּנדערט פּאַלן: זעסט אויס ווי אַן עמעסער קאַמונאַר!

די קאַמונאַרן האָבן געהאַט ווייניק האַרמאַטן און ווייניק קוילן. זיי זענען געווען אַ קליינע צאָל. די רייכע האָבן זיך באַזעצט אין ווערסײ און האָבן יעדן טאָג צוגעפירט נייע סאָלדאַטן און נייע האַרמאַטן.

לוי רו איז געבליבן אויף זיין פּלאַץ דער לעצטער. ער האָט אַליין געשאָסן.



דער קאַפּיטאַן פון דער ווערסײלער אַרמײ — פראַנסואַ האָט גע־בראַכט זיין קאַלע אַ בוקעט בלומען צו דעם זיג איבער די קאַמונאַרן. די קאַמונאַרן זענען אויסגעהרגעט, האָט ער צו איר געזאָגט. איך האָב אַליין געזען, ווי אַ קינד פון פיר יאָר שיסט פון אַ האַרמאַט און רייכערט אַ פּיפּקע.

אָבער דו ווייסט דאָך זיי אַלע טויטן מיט די קינדער צוזאַמען, האָט געזאָגט זיין קאַלע. אויף מאָרגן זענען לוי רו מיטן קליינעם פּאַל געפאַנ־גען געוואָרן פון די ווערסײלער סאָלדאַטן. לוי רו איז באַלד דערשאָסן געוואָרן. דעם קליינעם פּאַל האָט דער קאַפּיטאַן פראַנסואַ געבראַכט צו זיין קאַלע. די סאָלדאַטן האָבן אים געשלאָגן און באַליידיקט.

דער קלײנער פּאָל האָט נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס די סאָלדאַטן שלאָגן אים. ער האָט זײ געזאָגט: איך קאָן מאַכן זײפֿן-בלאָזן. מײַן טאַטע האָט געררייכערט אַ פּיפּקע און געשאָסן פֿון אַ האַרמאַט. איך בין געווען אַן עמעסער קאַמאָנאַר.

דערנאָך האָט זיך פּאָל אַוועקגעזעצט אויפֿן גראָז און אײַנגעשלאָפֿן. דער קאַפּיטאַן האָט געפֿירט זײַן קאַלע ווײַזן דעם קלײנעם פֿאַרברע-כער. ער האָט אים אויפֿגעוועקט מיט אַ שטויס פֿון זײַן פֿוס. דאָס קינד האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און גענומען װײנען. אָבער שפּעטער האָט ער זיך צעשמייכלט. ער האָט גענומען די פּיפּקע אין מויל און דערקלערט: איך בין אַן עמעסער קאָמונאַר! דער קאַפּיטאַן האָט צופֿרידן געזאָגט: דו זעסט, אַזאַ ברעקל און שוין אַ מערדער! מען דאַרף זײ אַלעמען אויס-האַרגענען, אַפֿילו די קלענסטע. ער האָט אים גלײך געוואָלט דערשיסן. אָבער זײַן קאַלע האָט אים אָפּגעהאַלטן. איך וויל זיך לערנען שיסן, האָט זי געזאָגט. אַ פּרוּװ פֿון אַן אָפֿיציר מוז קענען האַלטן אַ ביקס אין האַנט. לאָמיך טרעפֿן אין דער פּיפּקע פֿון דעם קלײנעם מערדער. זי האָט אָנ-געשטעלט די ביקס. אָבער פּאָל האָט זיך נישט דערשראָקן. ער האָט שוין געזען, ווי מענטשן שיסן פֿון ביקסן. דערפֿאַר איז ער רויִק געבליבן שטײן אויף אַן אָרט.

די קאַלע האָט אויסגעשאָסן און נישט געטראָפֿן אין דער פּיפּקע.

— קוק, — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט, — דו האָסט געהאַרגעט דאָס ווילדע כאַיעלע און די פּיפּקע איז געבליבן גאַנץ.

פּאָל רו. וואָס האָט געלעבט אויף דער וועלט פֿיר יאָר און אַזוי ליב געהאַט די זײפֿן-בלאָזן, איז געלעגן אָן באַוועגונג אויף דער ערד.



1789 - דאָס יאָר
פון דער רעוואָלוציע

דער שניט אויף די פעלדער איז געווען אַ שלעכטער. דער פרילינג האָט זיך לאַנג געצויגן און עס איז געווען שווער אים אַריבערצוטראָגן.

ווען איך קוקט אַריין אין די אָרעמע פּויערישע הייזער, זעט איך, אַז אינעווייניק ביי זיי איז אַלץ שוואַרץ און נאַקעט, אָן קיין שום שטיקל מעבל, אויסער אַ טיש און אַ צעבראָכן בענקל. עס איז אַ גרויסע נויט און אַן אָרעמקייט.

דער אָוונט-גלאָק קלינגט... דאָס ערשטע מאָל, ווי ער קלינגט אַזוי ריין, נישט ווי אַלע מאָל... די פרויען הערן דעם ריינעם קלאַנג און זיי וואונדערן זיך.

— מען האָט אונז פאַרריכט די גלעקער... הערט, ווי זיי קלינגען אַזוי קלאָר!

— ליידער, פילט דער קלאַנג פון די גלעקער נישט אָן די ליידיקע מאָגנס. עס איז גאָרנישט געבליבן אין שטוב וואָס צו עסן... מיינע קינדער האָבן געקראָגן צום אָוונט-ברויט צוויי קאַר-טאָפל.

— און ווען מיר זאָלן שלאַכטן דעם כאַזער צו ווייַנאַכטן, וואָס וועלן מיר עסן דעם גאַנצן זומער, ווען מיר וועלן דאַרפן שווער אַרבעטן אויף די פעלדער?

אַזוי האָט עס אויסגעזען אין יאָר 1789, אין פראַנקרייך. די פּויערים האָבן געהונגערט צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער.

דאָס קאָן אָבער נישט דויערן ווייטער...

איינער אַ דאָרף-גייער האָט דערציילט, אַז נישט אין איין דאָרף איז אַ הונגער.

האָבן די איינוווינער געענטפערט:

— פון דעם, וואָס עס זענען דאָ אַסאַך, וואָס לײַדן, ווערט אונ־זער נויט נישט קלענער און צי דאַרפן אונזערע קינדער שרײַען ווייניקער, ווייל ערגעץ ווייט, אין עקס, אָדער אין ליאָן זענען דאָ אַנדערע קינדער, וואָס שרײַען?

אין אָוונט זענען פאַרבײַגעגאַנגען צוויי קוימענקערער, אַ פאָ־טער מיט אַ קינד.

די קינדער פון דאָרף האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די טירן און געטוליעט צום קלייד פון דער מאַמען. אין מיטן דער נאַכט, אין שײַן פון דער ליכטיקער לעוואָנע, אויף דער ברייטער גאַס האָט דער קוימענקערער דערציילט, וואָס ער האָט געזען. ער האָט גערעדט זייער שטיל און געקוקט אין אַלע זייטן.

— איך רעדט דאָ שטיל, איך וואַגט זיך נישט צו קלאָגן. מען

נעמט ביי איך שטייערן און איך בלייבט גאַרנישט פון אייערע אָרעמע פאַרדינסטן.

— איך בין געווען אין גרענאָבל אין פאַרגאַנגענעם יאָר. דעם 14-טן יוני. דאָרטן האָט אַ פאַרזאַמלונג געשיקט אַ ביטע צום קעניג און געפאָדערט רעכט און לינדערן די נויט פון פאָלק. מען האָט פּראָטעסטירט קעגן די שטייערן. — דער קאָמענקערער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט צום הימל, ווי צו ווייזן אַ שטערן. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס מען האָט געשריבן צום קעניג:

„מיר האָבן קיינמאָל נישט געצווייפלט אין דער ליבע פון קעניג צו זיין פאָלק. מיר גלויבן, אַז אייערע מיניסטאָרן זאָגן אייך נישט דעם עמעס; אַז זיי ווילן פון אונז מאַכן שקלאַפן, שיקן אויף אונז מיליטער, מען פאַרהאַלט אונזערע בירגער און מיר מוזן שווייגן".

די מענטשן, וואָס האָבן דאָס אויסגעהערט, האָבן אויפגעצי־טערט. אַ נאַכט-פויגל האָט געצוויטשערט מיט זיין זיידענעם צווי-צווי.

און אַלע זענען שטום געבליבן.

די, וואָס האָבן מוירע געהאַט, האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער גרופּע און גאַרנישט געזאָגט. זיי האָבן זיך אומגעקערט אין זייע־רע הילצערנע שיך, אין זייערע אָרעמע וווינונגען. די דרייסטע האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פון קאָמענקערער:

— אין אַלע דערפער, אומעטום, ווו איך בין פאַרבייגעגאַנגען, גרייט מען זיך, מען שיקט פּראָטעסטן צום קעניג. מען דאַרף רעדן הויך און מיר וועלן זיין די זיגער...

דעם 23-טן יוני איז דער קעניג לוי דער 16-טער געקומען צו דער פאַרזאַמלונג. ער איז געווען פאַרזאָרגט. מ׳האָט גערופן די פאַרזאַמלונג, ווייל דער קעניג האָט געוואָלט אָפּשאַפן זייערע גע־זעצן. ער האָט געהייסן, אַז זיי זאָלן זיך פונאַנדערגיין. מיראַבאָ, אַ פאָרשטייער פון דער פאַרזאַמלונג, האָט געענטפערט, אַז זיי זע־נען דאָ פאַרזאַמלט לויטן ווילן פון פאָלק און אַוועק וועלן זיי נאָר

דעמאָלט, ווען מען וועט זיי פאַרטרייבן מיט דער קראַפט פון באַגנעטן. דער קעניג האָט גלייך נאָכגעגעבן. דאָס פאָלק האָט אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן זיג.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט גערעדט דרייסט און געפּאָדערט אַוועקצושיקן דאָס מיליטער. דער קעניג האָט זיין מיליטער נישט אַוועקגענומען, פאַרקערט, ער האָט אַוועקגעשיקט דעם פאָלקס-מיניסטער — נעקער. ווען פּאַריז האָט זיך דערוווסט, אַז מען האָט דעם באַליבטן מיניסטער אַרעסטירט, האָט דאָס פאָלק זיך באַליידיקט און אין קאַעס געוואָרן. דאָס פאָלק האָט זיך באַוואָפנט און געגאַנגען צו דער באַסטיל, די מעלוכע - טורמע, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די אַבסאָלוטע מאַכט פון די קעניגן. די באַסטיל איז געשטורעמט געוואָרן און געפאַלן דעם 14-טן יולי 1789. אין קורצן איז זי אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ גרויסער זיג פון פּאַריזער פאָלק.

דעם 5-טן און 6-טן אָקטאָבער איז דאָס פאָלק פון די פאָרשטעט אַוועק אין ווערסאַי און געשריען: „ברויט! ברויט!“ און לאַ פאַיעט אין דער שפּיץ פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָט געבראַכט די קעניגלעכע פאַמיליע אין טילערי.

לוי דער 16-טער האָט פאַרלוירן זיין אויטאָריטעט. ער האָט פאַרלאָזן פּאַריז מיט זיין פאַמיליע אין דער נאַכט פון 20-טן יוני 1791 און געוואָלט זוכן הילף אויסער די גרענעצן פון פראַנקרייך. ער איז אָבער אַרעסטירט געוואָרן דעם 22-טן און מען האָט אים געבראַכט צוריק קיין פּאַריז.

די מענטשן זענען געוואָרן אויס שקלאַפן. די קאָנסטיטוציע האָט געגעבן פראַנקרייך: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכ-קייט. פרייהייט פון געוויסן, פרייהייט פון אַרבעט, פרייהייט פון דער פרעסע. די קאָנסטיטואַנטע האָט געגעבן: גלייכהייט. דאָס געזעץ האָט געזאָגט: לויט זיינע פעיקייטן און מיילעס קאָן יעדער פראַנצויז אָנקומען אויף עפנטלעכע שטעלעס און די שטייערן וועלן געצאָלט ווערן דורך אַלעמען. די קאָנסטיטואַנטע האָט פאַראייניקט אַלע פראַנצויזן אין אַ פעדעראַציע, אין אַ רעפּובליק. עס האָט געהערשט דאָס געפיל פון ברידערלעכקייט פון אַלע פראַנצויזן.

●

די זון איז פאַרגאַנגען

די זון האָט געבראָטן,
די זון האָט געברענט;
די זון איז פאַרגאַנגען
הינטער באַרגיקע ווענט.

פאַרגאַפט ליגט דאָס טייכל,
פאַרקלערט און פאַרטראַכט;
אוןביימער זיך שפּיגלען
אין זומער פאַרנאַכט.

די בערג — טונקל-בלויע —
פון זון אָפּגעקילט;
אין בלויע כאַלאַטן
די ביימער געהילט.

די זון ערשט געוועזן,
די זון שוין נישטאָ;
דער טאָג איז פאַרגאַנגען —
די נאַכט איז שוין דאָ!

דאָס ליד פון ברויט

פאַר די העגטלעך אין די רינגעו,
שיינע קליינע קינדער זינגען:
וואָלקן, וואָלקן גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערסוועגן!

ווייזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,
און אַ רעגן — פּערל-ריין,
טריף-טראָפּ, טריף-טראָפּ, — הייבט אָן גיין.

נעמען פעלדער זיך צעשפּרייטן,
ווייך צעאַקערטע אין בייטן;
ווערן גרינע קאָרן-זאַנגען
פון די בייטן אויפגעגאַנגען;

נעמט אַ טוי אויף זיי באַלד פאַלן,
וואַרעמט זיי די זון מיט שטראַלן,
ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן, קאָרן-גאָלד.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן,
דורך די בערג און דורך די טאָלן,
אין די מילן דאָס צו מאָלן;

הייבן אָן די ווינטן וויען
און די מילן-פליגל דרייען:
מאָלן מילן, מאָלן שנעל,
פון דעם קאָרן ווייסן מעל.

קנעט דער בעקער מעל מיט הייוון,
און פאַרהייצט זיין גרויסן אויוון.
ברענט דאָס פייער, שייטלעך קנאַקן,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.

קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אויף די טישן:
עסן קינדער פרישן ברויט, —
זענען זיי געזונט און רויט.

●

די באַפרייונג

אַרום צען אַזייגער אין דער פרי האָב איך פלוצלינג דערהערט אַפּלאָדירן און זינגען די מאַרסעליעזע. איך בין אַרויס פון שטוב און געזען צוויי לאַסטוואַגנס מיט פּאַטריאָטן, וואָס זענען אַריין אין דאָרף. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די אַמעריקאַנער זענען אין מאָנאַסטיער-דע-קלערמאָן. אין דער עמעסן איז אַרום זיבן אַזייגער אין דער פרי געקומען אַ פּאַטריאָט פון וויף קויפן ברויט אין דאָרף פּאַר אַ פּופּצן פראַנצויזישע סאָלדאַטן. זיי האָבן פּאַראַשוטירט אין לויף פון דער נאַכט. ער האָט דערציילט, אַז די פּאַראַשוטיסטן האָבן באַשטעטיקט דעם פּאַרשפּעטיקטן אָנקום פון די אַמעריקאַנער. די גאַסן זענען געווען פול מיט מענטשן און די דריי-פּאַרביקע פאָן האָט געפלאַטערט איבער יעדן הויז.

אַרום איינס אַזייגער נאָכמיטאָג איז אָנגעקומען אַ לאַסטוואָגן מיט פּאַטריאָטן פון פאָן-דע-קלע און האָבן געשריען: „נעמט

אַראָפּ די פּענער. די דײַטשן יאָגן אונז!" די סאָלדאַטן אָן אוניפאָרם האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף, קעדיי אָפּצונעמען פון פיינט די פּאַן-דע-קלע און עפענען אַזוי אַרום אַ וועג קיין גרענאָבל. דער ציל איז אָבער נישט דערגרייכט געוואָרן. דער פיינט האָט באַקומען הילף פון ווישי און די פּאַטריאָטן האָבן זיך געמוזט צוריקציען. זיי האָבן געמיינט, אַז די דײַטשן יאָגן פון הינטן. אין איין אויגנבליק איז דאָס גאַנצע דאָרף געווען פּוסט. מען האָט געוואַרט ביזן אָוונט און קיין דײַטשן זענען נישט געקומען. פאַרנאַכט האָט מען געהערט שרעקלעכע גערוישן פון האַרמאַטן איבער פּאַן-דע-קלע און מען איז געגאַנגען שלאָפן אין גאַנצן צעשראָקענע.

אויף צומאָרגנס אין דער פרי האָט די וואַרעמע זון באַלויכטן דאָס גאַנצע דאָרף. אָבער קיינעם איז נישט געווען פריילעך אויפן האַרצן. איך האָב דעם פרימאָרגן נישט אָנגעביסן, איך האָב נישט געהאַט קיין אַפּעטיט צום עסן. מיטאַמאָל איז מיין פאָטער אַריין אין קיך און אונז געזאָגט: „מען הערט דעם גערויש פון דונער, וואָס קומט פון צווייטן דאָרף". איך בין אַרויס אין איילעניש. איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן אַ הערלעך בילד: די אַמעריקאַנער האָבן דעפילירט אין זייערע פּאַנצער-וואָגנס אין אַ לאַנגן אומענדלעכן צוג. פראַנצויזישע פּאַטריאָטן האָבן זיי באַגלייט אויף פּאַנצער-וואָגנס. מען האָט אַפּלאָדירט, געשריען און געקושט די סאָלדאַטן, געוואָרפן זיי בלומען ביים דורכגאַנג. מיטאָג-צייט איז פאַרביי און קיינער האָט נישט געטראַכט ווידער אָנצוהייבן די אַרבעט, וואָס איז אין דער פרי איבערגעריסן געוואָרן. מען האָט נאָר געטראַכט וועגן איין זאַך — די באַפרייונג!

אַ כעלעמער וויץ:

לערער: — וויאַזוי וועלן מיר רופן אַ ווילדן מענטשן, וואָס האָט אויפגעפרעסן זיינע אייגענע טאַטע-מאַמע?

שילער: — אַ יאָסעם.

דאָס לערן-ייִנגל

בעריש האָט געהייסן מאָטקען זיך זעצן און געגעבן אים אַ שנור מיט אַ שטיק וואַקס. ער זאָל דרייען אַ דראַטווע. מאָטקע האָט עס גענומען אין האַנט און נישט געוווסט, וואָס צו טון דערמיט. ער האָט זיך געשפּילט מיטן פּאָדעם און מיט גרויסע אויגן אַרומגעקוקט זיך אין שטיבל. ער האָט דערזען די צוויי הויכע בעטן, וואָס שלינגען איין דאָס גאַנצע שטיבל, אָנגעלייגט מיט בעטגעוואַנט ביז אין באַלקן. ער האָט געקוקט אויף די פאַרשטויבטע בילדלעך, וואָס הענגען פאַר די בעטן; אויף די פּאָליצעס, וואָס זענען אָנגעלייגט מיט כאָלעוועס, אַלטע שטיוול, שטיוועלעטן און שטיקער לעדער. ער האָט זיך אַרומגע-קוקט טשיקאַווע אין דער נייער היים, וואָס אַהער האָט מען אים אַריינ-געגעבן אויף זעקס יאָר. געקוקט אויף זיינע כאַוויירים — די צוויי ייִנגלעך מיט די גזעלן, וועלכע האַקן פּאָדעשוועס. ביי די בענקלעך וויקט זיך לעדער אין וואַסער, וואָס גיט פון זיך אַ רייעך. ער האָט גע-קוקט אויף די פענצטערלעך, ווי זיי זענען פאַרקאָוועט אין שפּינוועבס

און באַליגט מיט מאָסן, מיט פּאַרמעס און שנורן. און פון דרויסן קריכט די זון און גאַנוועט זיך אין פענצטערל און וויל אין שטיבל אַריין און דאָס שפּינוועבס לאָזט נישט.

באַלד האָט ער דערפילט אַ שטופּ אין אַ זייט. ער קוקט זיך אום — לעבן אים איז אויסגעוואַקסן די מייסטערין.

— נאַ, ברענג וואַסער! — האָט זי אים געשטופּט די קאַן אין דער האַנט אַריין.

מאַטקע האָט זיך דערפרייט. ער האָט געכאַפּט די קאַן, געגאַנגען צום פּלומפּל, געבראַכט אַ קאַן מיט וואַסער. די מייסטערין האָט אים באַוויזן די פּאַס. ער האָט אָנגעגאָסן, ווידער געלאָפן, און ס'האָט נישט געדויערט קיין צוויי מינוט, איז ער שוין צוריק געווען.

ווידער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, געדרייט די דראַטווע, וואָס ער האָט נישט געקאָנט האַלטן אין דער האַנט צוליב דעם שטיקל וואַקס. האָט ער זיך ווידער אומגעקוקט אין שטיבל. איצט האָט אים פאַרינטערעסירט דער שוואַרצער קאָטער, וואָס איז אָנגעבונדן מיט אַ לאַנג שטריקל ביים בעט און דרייט זיך צווישן די פיס פון דער מייסטערין.

באַלד דערפילט ער ווידער אַ שטופּ אין אַ זייט:

— נאַ, צעהאַק מיר האָלץ — האָט זי אים געגעבן דאָס האַקמעסער אין דער האַנט.

מאַטקע האָט זיך גענומען דאָס האָלץ צעהאַקן. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויפן קליינעם בענקל און ווידער געצויגן דעם שנור דורך דער וואַקס. די מייסטערין האָט געמאַכט פייער, אַוועקגעזעצט זיך ביים קוכל און איינגעשלאָפן.

אין דער שטוב הערט זיך דאָס קלאַפּן פון העמערל אויף דער זויל. דער מייסטער זיצט איבער אַ שטיוול. אַלע זיצן איינגעבויגן און פאַרטראָגן אין דער אַרבעט. דער זייגער קלאַפּט טיק-טאַק. מאַטקען איז דאָס גאַנצע שטיבל מיט דעם מייסטער, מיט דער מייסטערין פאַרמיעסט און לאַנגווייליק געוואָרן. ער האָט געקוקט אויפן פענצטערל און

דערזען, ווי די זון קריכט פון דרויסן אויף דער צווייטער זייט פענצ־טערל, וויל זיך אַריינקריגן אין שטיבל אַריין און קאָן נישט.

מאָטקע האָט זיך פאַרטראַכט . . .

אַ שמיץ מיטן רימען איבערן קאָפּ האָט אים דערמאָנט אין דער דראַטווע אין האַנט. מאָטקע האָט זיך געוואָלט אויפהויבן און אַרויס־לויפן דורך דער טיר, נאָר ער האָט עפּעס מוירע געהאַט. ער האָט שוין אָבער נישט געקאָנט איינזיצן אויפן בענקל און נישט געוואָלט מער דרייען די דראַטווע אין וואַקס.

דאָ האָט זיך פּלוצלינג די מייסטערין אין עפּעס דערמאָנט. זי איז צוגעגאַנגען צו מאָטקען און אים אַ קניפּ געטון:

— גיי, ברענג פון געוועלבל אַ ברייטל מיט צוויי הערינג.

מאָטקע איז אַרויס און שוין מער נישט געקומען.

●

ברידער

ווייסע, ברוינע, שוואַרצע, געלע,
מישט די פאַרבן אויס צוזאַמען!
אַלע מענטשן זענען ברידער,
פון איין טאַטן, פון איין מאַמען!

אַלע מענטשן זענען ברידער —
שוואַרצע, ווייסע, ברוינע, געלע,
אַנדערש זענען נאָר די פאַרבן,
די נאַטור, זי איז — די זעלבע.

אַלע מענטשן זענען ברידער:
געלע, ברוינע, שוואַרצע, ווייסע;
פעלקער, ראַסן און קלימאַטן —
ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מייסע.

מײַן ייִנגעלע

איך האָב אַ קלײנעם ייִנגעלע,
אַ זונעלע גאָר פֿײַן!
װען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע װעלט איז מײַן.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מײַן שײנעם, װען ער װאַכט:
איך טרעף אים שטענדיק שלאָפֿנדיק,
איך זע אים נאָר בײַנאַכט.

די אַרבעט טרײַבט מיך פֿרי אַרױס,
און לאָזט מיך שפּעט צוריק:
אָ, פֿרעמד איז מיר מײַן אײגן לײַב!
אָ, פֿרעמד מײַן קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פינצטערניש־געהילט, —
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט.

ווי זים עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמאַ, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מיין גוטער, גוטער פאַ?"

איך שטיי ביי זיין געלעגערל
און זע, און הער און שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
„אָ, ווו איז, ווו איז פאַ?"

איך קוש די בלויע אייגעלעך,
זיי עפענען זיך — „אָ, קינד!"
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך
און שליסן זיך געשווינד.

„דאָ שטייט דיין פּאַפּאַ, טייערער,
אַ פּעניעלע דיר נאַ!"
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
„אָ, ווו איז, ווו איז פאַ?"

איך בלייב צעווייטיקט און צעקלעמט,
פאַרביטערט און איך קלער:
„ווען דו וואַכסט אויף אַמאָל, מיין קינד,
געפינסטו מיך נישט מער"...

פאַרשטייט די ווערטער: פּעני — אַמעריקאַנער געלט. טרוים — כאָלעם.



זומער

דער הימל איז בלוי, אָן אַ פּיצל וואָלקן. די זון בראָט, מען פּילט נישט קיין ווינטעלע. דיביימער אין די וועלדער שטייען שטיל, קיין שאָקל אַפּילע נישט. קי אויף דער פּאַשע ליגן מיד.שאָקלען מיט די אויערן און קייען. אַנדערע שרייען פאַר גרויס היץ. אויפן וועג איז שאַ-שטיל. מען זאָל הערן אַ שאָרך, מען זאָל זען פליען אַ פויגל. עס איז הייס, ס׳איז שטיל, וואונדערלעך שיין.

פאַרנאַכט. אַ געשמאַק ווינטעלע הייבט אָן צו בלאָזן. אויפן הימל ווייזן זיך שטיקלעך וואָלקנס. די ביימער הויבן זיך אָן צו שאָקלען און פירן צווישן זיך אַ שמועס אין זייער שפּראַך, נאָך דעם ווי זיי האָבן אַזוי לאַנג געשוויגן שטיל. אין פעלד כאַפּן זיך אַלע זאַנגען אויף, ווי יונגע קינדער און צעקושן זיך פריינטלעך. עפּעס אַ פויגל שטיפט, פליט פון איין בוים צום אַנדערן; מאַכט: „קו-קו! קו-קו!״. נישט ווייט אין אַ וועלדעלע זינגט דער סאָלאָווי, צעלאָזט זיך אויף זיין העלזעלע און זינגט אַ מעכאַיע. זשאַבעס אַפּילע פון די טייכלעך קוואַקען. דאָס איז געווען אַזאַ קאָנצערט, וועלכן מען האָט געקאָנט אויף ביליעטן גיין הערן. די גאַנצע וועלט איז לעבעדיק געוואָרן און באַקומען אַ פריילעך פּאָנעם. אַ פרייד, אַ פאַרגעניגן צו הערן, צו זען, צו שמעקן.

דאָס נייע ליד

און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שאָלעם, —
דאָך קומען וועט,
צי פרי, צי שפּעט,
די צייט — עס איז קיין כאָלעם!

איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פריד,
די מעכטיקע געזאַנגען:
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען.

עס עקט די נאַכט,
די וועלט דערוואַכט —
פול האָפענונג, לוסט און שטרעבן.
דו הערסט אין לופט
אַ שטימע רופט
צו מוט און קראַפט און לעבן!

פאַרשטיי די ווערטער:

פריד — פרידן, שאָלעם. מעכטיקע — שטאַרקע, הילכיקע. לוסט — ווילן, כיישעק. עס עקט — עס שטאַרבט.

אינהאַלט

		זייט:
שול (ש, ו, ל, א, ע)		3
לילי, מאַשע (מ, י, ט)		4
טינט (נ, ז, ר)		6
איבונגען (ם)		8
אַ נאַסער וועטער (וו, ס)		9
אַ קאַלטער הארבסט (ק, ב, פּ)		11
אין פעלד (אָ, ד)		13
דער, די, דאָס (איבונגען)		14
פריידעלע (יי, ג)		16
מיין טאַטע ארבעט (ז, יי)		19
אַ שיף (ף)		20
וויג-ליד		21
איבונגען (כ, ך)		22
אַ שוסטער	ב. פרידמאַן	23
אין פּאַרק (פּ, וי)		24
קינדער	ר. גאַלין	25
אין זאָאָלאָגישן גאַרטן (ה)		26
דאָס הינטל הערמאַן		28
דער צירק (צ, ץ)		29
ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע		31
שיבעלעך	ק. מאָלאָדאָווסקי	32
די יידישע צוגאָב-שול (יאַ, יאָ, יו, יע, יי)		35
אונזער שול	מ. עלקין	36
אַ וואַנט-צייטונג		37
אַ פראָסט (טש)		38
דער ווינטער איז געקומען (אי, איי, או, איי, אוי)		39
אַ קיכער-יאַנטעוו		40
דער האָז זוכט זיין נאָז	באַוער פּאַוער	42
מיט אַ נאָז און אָן אַ נעזל	י. קאַטלער	44

		זייט:
איך קען ציילן	קאצנעלסאָן	46
קלוגע ענטפערס	א. מייזל	46
א וואָך מיט ארבעט		48
דער זייגער	מוישע שיפרים	48
איבונגען (וש)		49
אז מען עסט נישט, איז מען גרין	ב. גוטיאנסקי	50
צוויי פוילע		52
ארום וואָס דרייט זיך די ערד ביינאכט?		52
איבונגען (־זש)		53
די זון און די קינדער	ש. באסטאמסקי	53
דזין, דזין דזין (דז)		55
דאָס ביכעלע	א. מאשקאָוויטש	56
דריי פוילע ברידער		59
פרייע ארבעט	י. באקסט	60
א שטיקל ברויט		61
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן	נאָכעם יוד	62
אלעף, ביים, גימל	ע. שטיינבארג	64
הענעך לאָזט אייך גריסן	מ. נאדיר	65
דער געטרייער הונט		66
דער גערטנער	גרינינקע ביימעלעך	67
א שניידער און א פרעסער	שאָלעם-אליכעם	69
מילכאָמע און שאָלעם	ע. שינדלער	71
א גוטע נאכט	ה. לייוויק	72
דאָקטער בראָקטערס רעצעפטן	ליטמאן	74
די צוועלף מאָנאטן פון יאָר		76
דער פילאָזאָף און דער פויער	יאנקעוו גלאנץ	76
דער יינגסטער קעמפער	בער מארק	78
יוגנט-מארש	נאָכעם יוד	80
איבונגען		81
מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם	שאָלעם-אליכעם	82
מוישע גיך	ליטמאן	84
ווי אַלט בין איך?	ש. מיכאָעלס	88
די מאמע		89
דער לאמפן-צינדער	דאָוויד פליסקין	90
דער בעלעמער קייסער און די גאָלדענע שיך	פון ש. באסטאמסקיס זאמלונגען	91
די עמעסע מאמע	אגאדע	92

		זייט:
רויטע בלומען פאר דער מאמען	סארע רייזען	94
דער מאמעס טרער	פ. שוועדיק	96
די שוועסטער פון די ארעמע	עמיל זאלא	97
אך און וויי	ב. גוטיאנסקי	99
לעגין און דער שיינער פוקס	א. קאנאנאוו	100
אן עמעסער גרויסער ברודער	ראמען ראלאן	101
ווינט	ל. קוויטקא	103
ס'איז א ליגן, ס'איז אן עמעס	י. קיפניס	104
דריי יינגעלעך	י. גויכבערג	106
שמוליק	יאסל צוקער	107
די רייכע פעטערס	י. ל. פערעץ	108
די זון איז פארשלאפן	שנייער וואסערמאן	110
פעטיא	ליליען סטאו	111
באנוקע		114
שימקעס געווין	איציק פעפער	118
יידן גיבן זיך נישט אונטער	פון ג. קעניגס זאמלונגען	120
באלמעלאכעס	קאצנעלסאן	121
קינדער אין סאוועטנפארבאנד	העלענע באצקעלס	122
איינס און צוויי	ז. וויינפער	124
א געטרייער שאכן	ע. שינדלער	124
זשאק און אנרי	ב. שלעווין	127
געזאנג	מאלקע לי	128
די מייסע פון פורים	לעאן עלבע	129
געפאנגען	פערעץ הירשביין	132
דאס יינגעלע, וואס האט געראטעוועט שאלעם־אליכעמען	א. גאלדבערג	133
קינדער, הערט!	ל. ניידוס	136
די מארסעליעזע — דאס ליד פון פרייהייט	פיער אליוויער	137
מיין שיפעלע	י. ל. פערעץ	139
יאכעד און זיינע ברידער	מוישע שיפרים	139
ביל דער הונגעריקער	פאל וואיאן־קוטיריע	142
א שיינער טאג	י. אדלער	143
פייסעך צום סיידער	לעאן עלבע	144
ארבעט־יאנטעוו	„קינדער“	146
אן איינפאל	סאוועטיש	146
די רעפובליק פון דער וועלט	וויקטאר הוגא	147
דער העלדישער שימשן	מוישע שיפרים	148

		זייט
מאי	מאַרים ראָזענפעלד	150
אונזער קינדער-היים		150
זאָג נישט קיינמאָל	הירש גליק	153
אונזער יידישע שול	שניי‍ער וואַסערמאַן	154
דער קליינער קאָמונאַר	איליאַ ערענבורג	154
1789 — דאָס יאָר פון דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך		157
די זון איז פאַרגאַנגען	מאַכעם וויסמאַן	161
דאָס ליד פון ברויט	מאַני לייב	162
די באַפרייונג		163
דאָס לערן-ייִנגל	שאָלעם אַש	165
ברידער	י. ל. פּערעץ	167
מיין ייִנגעלע	מאָרים ראָזענפעלד	168
זומער	מענדעלע מויכער־ספאָרים	170
דאָס נייע ליד	אַווראָם רייזען	171

צו די לערער

די צענטראַלע קינדער-קאָמיסיע ביים „פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף“ אין פראַנקרייך האָט גלייך נאָך דער באַפרייונג גענומען אויף זיך, צווישן אַנדערע, צו אָרגאַניזירן און ווידער אויפצובויען די יידישע צוגאָב-שולן, וואָס זענען דורך דער נאַצי-מאַכט שאָלע כאָרעוו געוואָרן.

אין אַ גאַנץ קורצער צייט איז געלונגען צו דערעפענען אַ נעץ פון יידישע צוגאָב-שולן, מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל קינדער, ווי אויך היימען פאַר הונדערטער קינדער פון דעפּאָר־טירטע און דערשאָסענע.

מיט אָט די קינדער איז ביז איצט געלערנט געוואָרן יידיש קימאַט, אָהער לאַכלוטן אָן אַ לערנבוך. עס האָט זיך געפילט אַ שטאַרקער מאַנגל אין אַזאַ לערנ- און לייענבוך, אַדאַנק וועלכן אונזערע קינדער זאָלן קאָנען סיסטעמאַטיש לערנען יידיש, וואָס דער מעטאָד און דער אינהאַלט זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די היגע און אַקטועלע פאַרהעלטענישן.

עס האָרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דאָס איז דער ערשטער פּרווו נאָך דער באַפרייונג,

און ביכלאַך, אין פֿראַנקרייך אַרויסצוגעבן אַ לערנבוך פֿאַר יידיש. עס וועלן דעריבער אומפֿאַרמיידלעך זיין געוויסע פֿעלערן.

דאָס ביכל איז באַשטימט פֿאַר קינדער פֿון אומגעפֿער 9 ביז 14 יאָר, וועלכע קענען שוין די טעכניק פֿון לייענען און שרייבן. דעריבער ווערט דער אַלעף־בייס דורכגעגאַנגען מיט אַ פֿאַרשנעלערטן טעמפּ, אָנגעהויבן פֿון דעם גאַנצן וואָרט ביז דעם זילבן־ און קלאַנג־אַנאַליז. די קינדער פֿון דעם עלטער זענען פֿעיִק די טעכניק פֿון שרייבן און לייענען אויפֿצונעמען קימאַט אין דעם טעמפּ, ווי מיר זעען דאָ פֿאָר.

דאָס בוך באַשטייט פֿון צוויי טיילן: אין ערשטן טייל גיבן מיר דעם אַלעף־בייס מיט צוגעפּאַסטע טעקסטן, דער צווייטער טייל נעמט אַרום לייענמאַטעריאַל פֿאַר דעם פֿאַרשידענעם עלטער. דער אויסגעקליבענער לייען־מאַטעריאַל איז ערטערווייז דעריבער אַ לייכטער און שפּילעוודיקער, געבונדן מיט מער ערנסטע פֿראַגעס, האָבנדיק קעסיידער אין זינען דעם שילער־עלעמענט, פֿאַר וועמען דאָס ביכל איז באַשטימט. מיר ברענגען דאָ ליטעראַטור־מוסטערן פֿון די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער און קינדער־דיכטער. עס קומען אויך אַריין אייניקע קלאַלים פֿון גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפֿיע. עס ווערן קימאַט באַהאַנדלט אַלע פֿראַגעס, וואָס דאָס קינד דאַרף זיך דערוויסן אין דער יידישער צוגאָב־שול.

קעדיי דאָס ביכל צו מאַכן אינטערעסאַנט און אָנציִענדיק פֿאַרן קינד, האָבן מיר עס פֿאַרזען מיט שפּאַסעדייען, וויצן, רעטענישן און שפּריכווערטער. מיר האָבן זיך אויך באַמיט צו באַרייכערן דאָס בוך מיט שיינע אילוסטראַציעס, וואָס זענען ספּעציעל געמאַכט געוואָרן פֿון דעם קינסטלער כאַים קאַלמאַן (גלעב).

ביים אַרויסגעבן דאָס בוך האָבן מיר זיך אָנגעטראָפֿן אויף גרויסע טעכנישע שוועריקייטן: די היגע יידישע דרוקערייען, נאָכן לעצטן היטלער־כורבן, זענען פֿאַרבליבן אָן דעם נויטיקן מאַטעריאַל פֿאַר בוך־דרוק (ווי שריפֿט און אַנד.), באַזונדערס, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דרוקן אַ כרעסטאָמאַטיע, ווו די פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון דעם שריפֿט שפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָלע.

עס איז דעריבער נויטיק געווען צו צייכענען דעם געשריבענעם און געדרוקטן אַלעף־בייס. אונזער ציל וועט זיין דערגרייכט, ווען דאָס בוך וועט פֿאַרענטפֿערן די באַדערפֿעניש פֿון יידישן שול־וועזן אין פֿראַנקרייך.

מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק דעם צענטראַלן קולטור־ראַט ביים „פֿאַרבאַנד פֿאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף“ אין פֿראַנקרייך; דער נאַציאָנאַלער שול־קאָמיסיע ביים פּראָטעקטאָראַלן פֿאָלקס־אָרדן אין אַמעריקע און דעם דזשאָינט — פֿאַר זייער מאָראַלישער און מאַטעריעלער הילף ביים אַרויסגעבן דאָס בוך; אונזער פֿריינט וויקטאָר גלעזער, פֿאַר זיין שווערער טעכנישער אַרבעט ביים אַרויסגעבן דאָס בוך; דעם דרוקער־לייטער מ. דרוקער און דעם זעצער יאַשאַ כאַכאַם.

פּאַריז, יאַנואַר, 1947.

ל. וויינאַפּעל, ל. פֿלודערמאַכער.